STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06848

GEVEN A HOYZ IN POYLN

Leon Gruszko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן גרושקאָ

געווען אַ הויז אין פּוילן

לידער און פּאָעמען

דרוקעריי מאנועל פּינטעל — גארסיאדיעגא 28 — מעקסיקע.

LEON GRUSZKO

HUBO UNA CASA EN POLONIA

CANTOS Y POEMAS

Imprenta MANUEL PINTEL — México, D. F. 1945.

מיינע עלטערן,

שמואל־שמחה און איטקע, —

א מתנה.

טאַטע מאַמע און היים

טאטע מאמע, —
איז וואַרעמער שויס,
גוטע זיטן,
פרוכטבאַרער באָדן,
פון וועלכן ס׳קומען אויף
פולער זאנג און שיינע רויז.

טאטע מאמע, —
איז פאר קינד,
אין זינד,
אָפענער אָרעם
און וועג פון תשובה.

טאטע מאמע, —
איז ליבשאפט און מחילה,
און תפילות שטילע,
פאר זון און טאָכטער אויף ווייטע וועגן,
און ברכות פרומע,
ווי אויף טרוקענע גרודעס
דער גוטער רעגן.

טאטע מאמע, —
איז לעצטע ליכט,
שטענדיקער זכות,
און פון פאַרבאָרגענע אייביקייטן
דער געטלעכסטער גרוס.

מײַן טאַטע איז געװען אַן אײנפאַכער איד

מײַן טאַטע איז געװען אַן אײנפאַכער איד.
מיט גאָט זיך װײניק געקריגט, און זײַנע געבאָטן געהיט.
ליב געהאַט קלײנע, פּשוטע זאַכן,
װי דעם קיך — טיש, אױף װעלכן ס׳פּלעגט מאַכן
דעם טעגלעכן ברױט מײַן מאַמע;
אָדער דעם װאַסער־עמער, װאָס האָט מסתּמא
אַ סך קװאַלן געזען און שטענדיק נײַ געװען,
װי זײַנע קלײדער, װאָס כ׳האָב געקענט מער פֿון אַ יאָר צען.

אַלץ אין סדר געווען ביי מיין טאַטן.
רעדן איידל און שטיל אונז שטענדיק געראַטן.
אָנגעקוואָלן פון זיינע טשוועקעס, זעג און האַמער,
פאַר וועלכע ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן קאַמער.
פלעגט מייסטרעווען, בויען, און האָבן פיל הנאה.
אַ שכן צי אַ פרעמדן נישט געקענט טאָן קיין רעה.
געהאַט אַ גוטע האַרץ, זעלטן אַזאַ ביי מענטשן.
(ס׳מעג זיך די וועלט מיט אַזאַ גוטסקייט בענטשן)

אין בית מדרש נישט געווען פון די גרויסע לכּוז״נים;
די שכינה, אָבער, געלויכטן האָט אויף זיין פּנים,
ווען ער פלעגט אַ קאַפּיטל תהילים מיט זיין זיסער שטימע זאָגן.
מיט זיינער אַ קדושה פלעגט זיך דער עולם אין די הימלען טראָגן.
זיין שבתדיקער שחרית, אַ פאַרגעניגן, אַ פרייד;
אַ תפילה, ווי אַ זומערדיק פעלד, ליכטיק און ברייט.
אָנגעקוואָלן האָבן אַלע, ווייבער און מענער,
און אים ליב געהאַט מערער, ווי דעם גרעסטן קענער.

געווען איידל און מילד, ווי זיינע בלויע אויגן.
נישט פאַרטראָגן, דינער זאָלן פאַר אים זיך בויגן.
יוזעף דער וועכטער, זיין ווייב און קינדער, לאַנגע יאָרן מיט אונז געזעסן.
פון ערגעץ ווייט געקומען; קראַנק געווען; דיזענטעריע טיאים געפרעסן.
מיטן געזינדל זיך געוואַלגערט אויף אַלע מערק און גאַסן,
נישט געווען קיין מענטש צווישן די גוישע מאַסן,
וואָס זאָל רחמנות האָבן אויפן ברודער קריסט,
כאָטש געזען האָבן אַלע ער איז דערשלאָגן און וויסט.

געהאָלפן ט׳מיין טאַטע זיין בעטל טראָגן.
דעם קראנקן צו זיך געבראכט; פון אים דערוויטערט אלע פלאָגן.
דעם וועכטערס קינדער אויפגעצויגן;
א מלאכה יעדן געלערנט ס׳זאָל צום לעבן זיך טויגן.

גוי און איד געלעבט בשלום אונטער מיין טאטנס דאך.
פון שמואל שמחה׳ס גרויסער הארץ ט׳געערדט אַפילו דער גלח אַ סך.
„שימקאָ איז א גוטער איד״, און דעם קאָפּ פאר אים אנטבלויזט.
אויך די פּריצים פון אַרום האָבן מיט „פּאַן שימקאָ״ זיך געגרויסט.

מיין טאטע האָט געארבעט א סך, געארבעט שטענדיק;
אין פּראצעווען באשטאנען פאר מענטשן א צענדליק.
א מילנער געווען; שווערע זעק אויף די פּלייצעס געטראָגן.
ביטערע יאָרן געהאַט; פאַר פּרנסה געמוזט זיך שלאָגן.
שפּעטער, געהאנדלט מיט ביר; פּעסער זיך געהוידעט אין זיינע הענט.
מענטשן פלעגן זאָגן: „ער האָרעוועט, ער לויפט, ער ברענט״

זומער און ווינטער דעמבעס געזעגן.
אין מאזאָווישע געקענט אלע וועגן און שטעגן.
ווינטער — אייז געהאקט אויף נארעוו דעם טייך;
א שארפע האק אין האנט, מיט יעדן ארבעטער צוגלייך.
פראָסט האָט אויף אים זיך געשפּיגלט מיט גלאנץ.
פון שווערער פּראצע געקוואָלן ווי פון א טאנץ.

אין זיינע הענט האָבן פערד פאררײסן די קעפּ;
פונקען אונטער די פיס, צעשויבערט די צעפּ.

שיינקייט און גבורה אין מיין טאטנס לעבן.
ליבע און געזאַנג אויף אלע זיינע וועגן.

זעלטן ווי מיין טאטע האָט א ווייב ליב געהאט א מאן;
זיך נישט דערוויטערט פון איר אפילו א שפּאן.
מיט נעגל־וואסער אין פרימאָרגנס, געוואַרט ביי איר בעט.
געוואַרעמט טיי אויף דער פּליטע, און מיט זיין איטקע גערעדט.

שטענדיק טייער און יונג פאר אים געווען איר לייב,
(געווען געבענטשט מיט חומשדיקער ברכה פון א גוטער ווייב)
און זי צען מאָל זיין זריעה אין ערלעכע לעבנס פארוואנדלט.
אונטער מיין טאטנס באלקן האָט רויע־תאוה זיך קיינמאָל נישט גראנגלט.

אים געזען נאָך דער חופה פון יעדן קינד,
כאפּן א טענצל מיט דער מאמען, און איר א קוש טאָן אויף געשווינד.

אז חתנים געקלאפּט אין פענצטער און טירן,
ווארטן אין געסל, אָדער ארום שטוב מארשירן,
האָט דער טאטע געמורמלט, אז ס׳וועדט אומעדיק אין הויז;
אז ס׳זענען טעכטער זיינע די שענסטע, יעדע איינע א רויז,
— און זאָלן זיי נאָך ווארטן, איטקע, זאָלן זיי נאָך ווארטן;
מ׳ע בלייבט דאָך אליין אויף דער עלטער, ווי אויך א שטיין א הארטן.

ווען גורל אידישער קינדער איבער דער וועלט האָט צעזייט,
האָט מיין טאטע אויף אייביק פארלאָרן זיין פרייד.
ס'האָט אן אומעדיקער טאָן געווײנט אין זיין תהילים זאָגן;
נישט געקענט די בענקעניש און דעם צער פארטראָגן.

כ'פיל נאָך די ווארעמקייט פון זיין האנט אויף מיינע פינגער,
און ס'איז דאָס לעבן מיט זיין נשמה־אָטעם פיל גרינגער.

אין פריע פרימאָרגנס, נאָך שטערנס אויף בלאַסן הימל,
און מיינע אויגן נאָך ווארעמען דרימל,
מיך געוועקט מיט זאָרג און ליבע,
גוטן גאָט צו דינען און זיינע געבאָטן צען.
געגאנגען פאָרויס און געמאכט א וועג אין שניי.
מיך געטרייסט מיט פריילעכע ווערטער: א ווארע, א ווארע פאר אידעלעך צוויי.

אין זיין טלית ביי תפילה זכה זיך געוויקלט;
א געבעט מיט א הייליקן ציטער; קיין וואָרט נישט פארהיפּלט.
זיינע טרערן אויף מיין פּנים און הענט געפאלן;
געווען א טיפער געוויין, — פון די ריינסטע קוואלן.

זיין ליכטיקע מלכות געזען אין פסחדיקע נעכט.
מיט פרייד די גאולה געזונגען פון מצרים־דיקע קנעכט.
געלויכטן האָט זיין שכינה,ביים שבת־טיש און זמירות.
ס'האָבן זיינע טענער געקלונגען ווי די פיינסטע לירעס.

מיין טאטע האָט ליב געהאט געזאנג.
סיי וואָכן, סיי יום־טוב
איז פריילעכקייט געווען זיין פארלאנג.

אָ טאַטע מיינער, כ׳וויל אַ טייל פון דיין שמחה און גלויבן.
ס׳איז חרוב דאָס לעבן, און וועלט פארבלוטיקט אויף אלע שטויבן.

וואו נעמט מען דיין ניגון און כוח פאר יעדן וויי?
שטילן געבעט און פליסטער, אנשטאט טעמפן געשריי?

ווי גוט פאר מיין מידן קערפער דיין פעסטער שטאם.
איז פאר פארצווייפלונג מיינער דער רעטנדער צאם.

ווען כ׳דערהער דיינע געזאנגען אין מיין אָרעמער דירה,
גייט אויף גאנצע וועלט מיט שטראלנדער שירה.

וועסט ביז אייביק זיין מיין ליד אויף אלע וועגן.
כ׳וועל צו דיין ביטחון און פריילעכע פרימאָרגנס ווי צו גאולה שטרעבן.

און אין טעג פון צער, אין טעג פון וויי,
וועל איך זאָגן צו מיין קינד: א ווארע, א ווארע פאר אידעלעך צוויי.

מײַן מאַמע איז געװוען צו אײביקײט פאַרקנסט

ס׳זענען דאָ בערג פון גראַניט װאָס קוקן אַרויף צום הימל מיט גבורה,
אָדער ביים ים, אָפטמאָל, פון פעלזן אַ שורה,
מיט אויסגעשטאַרטע ברוסטן צו ווינטן און שטורעמס;
אָדער אין שטעט פאַרצייטיקע, הויכע, פעסטע טורעמס,
וואָס דערציילן פון קאַמפן און אויסדויער אַ סך;
אָדער די ווונדערבאַרע בריקן פון אַ גרויסן כרך,
וואָס פילן דיך אָן מיט שטאָלץ זייער פיל,
ווייל ברודער־מענטש געווען זייער בויער, טראַכסטו אין דער שטיל.

זאַכן אייביקע אַזעלכע קומען מיר היינט אויפן זינען,
ווען כ׳דערמאָן מיין מאַמען, ביי די בלוטן וואָס רינען
אויף טירן, ווענט און פענצטער.
ביי איר ליכטיקן בילד ווערט מיין חלום דער שענסטער,
און שטאַרקער דאָס פאָלק פון פעלזן אין ים,
און פון בערג פון גראַניט מיין פלאַמיקער שטאַם.

אַ טאָכטער פון בעקערס איז מיין מאַמע געווען.
ס'האָט פריער טאָג ביי שווערע קאָשן איר געזען.
ביי ערשטן ליכט ס'ברויט געטראָגן אויף אַלע וועגן.
פראָסט האָט לייב געריסן, און געשמיסן האָט דער רעגן.
געיאָגט פון זיך אויף גויאישע הויפן צערייצטע, בייזע הינט.
אַז שלעכט זענען מענטש פארשטאנען, ווען געווען נאָך
אַ קינד.
נישט איינמאָל אין גרוב זיך פאַרבאלטן פאַר שגץ און בייטש.
געוווסט פון קלעפּ און שפּיי דעם ביטערן טייטש.

ווען אַ דערוואַקסן מיידל געוואָרן,
האָט זי ביים בעקערישן טובאנק געשלונגען גויאישן צאָרן,
אויף די סינאַגאָגעס און זשידעס,
און געזען האָבן אירע אויגן טויזנטער, פארדאָרבענע מידות.

די ייִנגערע פון הויזגעזינט געהיט און אויף פּאָליצעס ס'ברויט.
ס'האָבן שיכורים פאַרזיכערט, „ס'איז אַ טייוול אַ מויד".
געלייערט אין איר שטילקייט האָט דער כוח פון אַ טיגער.
— כאָטש אין בלוט דער זשיד, איז ער שטענדיק דער זיגער,
האָט גוי געטענהט און געקוקט אויפן מיידל,
געקאָוועט אין בראָנז, און ס'פּנים קלאָר און איידל.

צו אַכצן יאָר אַ מאַמע געוואָרן,
און אַז ליב האָבן דעם מאַן אונטער דער חופּה געשוואָרן.
ס'איז גרויסער בעקער־קאַש געווען ס'ערשטע וויגל,
און דיל פון צימער, — קאַלטע, בלייכע ציגל.

צו דער שווערסטער אַרבעט געלאָפֿן מיט פֿליים און ברען.
— זאָלן זיי זען וואָס אַ בעקער־מיידל קען, זאָלן זיי זען,
האָט ס'יונגע ווייבל, ווי אַ נוס פֿעסט און ברוין,
צו איר מאַן געטענהט, צו שמואל־שמחה'ן, איר קרוין.

געקאָכט, געוואַשן, געלאַטעט און גענייט,
און אויפֿן פֿעלד,ביים שטיבל, געפֿיעלעט און געזייט.

יעדע צוויי יאָר אַ קינד דער וועלט געגעבן.
פֿרוכטבאַר געווען, ווי די גוטע ערד אונטערן רעגן.

ס'האָבן נגידים געזען, ס'וואַקסט דאָס שטיבל און ווערט גרעסער.
ס'האָבן יונגען זיך געסודעט, אַז פֿון מיליאָנען איז זי בעסער.

מיין מאַמע האָט איבערגעלעבט וועלטן אַ סך, — מלחמות,
רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען.
נישט איינמאָל אין געסל צעפּליקטע פֿערינעס געזען און צעראַבירטע
קראָמען.
אין טעג אַזעלכע, ווי ביי אַ לייבין געווען אירע נעגל און ציין.
קינדער אין וואַלד פֿאַרבאַלטן און געלעגן ביי אַ שטיין.
שטעטל אין פֿלאַמען געזען און נישט געוויינט.
אַז זי פֿאַרמאָגט נישט קיין טרערן האָב איך באמת געמיינט.
„דאָס קלאָגן פֿאַרשטעלט די אויגן", פֿלעגט מיין מאַמע אָפטמאָל
זאָגן;
„אויב גאָט וויל דווקא, וועלן מיר זיין יאָך מיט טריט לייכטע טראָגן".

און ווייל נישט געוויינט, איז פֿיין אירער ווי ערד געווען שווער.
לייכטער אַ שטיין געווען פֿון אירם אַ טרער.
נישט געוויינט האָט מיין מאַמע, ווייל געפֿרעסטער, פֿולער ווי
איז צו הימל און מענטש שפּאַלטענדער געשריי.
ס׳וואָלטן געטער פֿויל געזעסן אין פֿאַרגאָסן בלוט,
ווען נישט שטילער צער פֿון אַ מאַמע וואָס פֿייניקט ווי אַ רוט.

געווען ס׳פֿאַרשטיקטע וואָרט ביים בלוטיקן טייך.
אַפֿילו איר שמע ישראל נישט געווען מיט מענטשנס צוגלייך.
געווען דער קרעכץ פֿון פֿעלזיקער וואַנט אונטערן דרוק פֿון ים.
ס׳פֿלעגט זיך גאָט דערשרעקן, און פֿאַר איר שטומען לשון זוכן אַ צאַם.

אליין געבליבן, ווען קינדער אויף וועלט זיך צעפֿאָרן,
כאָטש נעכט נישט געשלאָפֿן, נישט פֿאַרטונקלט האָט עס איר שכל דעם קלאָרן.
אין אירע אויגן זיך אויסגעלאָשן נאָר ס׳פֿרייע ליכט,
און ווי ערד אין גרודעם געווען צעאַקערט ס׳געזיכט,
ווען שטום זענען געוואָרן זיינע תהילים געזאַנגען.
מיטגענומען האָט ער אין קבר איר לעבנס־פֿאַרלאַנגען.

אין שווערער אַרבעט און שטילע תחינות געזוכט האָט מיין מאַמע איר מאַן.
זיך געגרייט פֿאַר אים אין פֿרייטיקדיקע טעג; מיט פֿלייס געשייערט שבתדיקע פֿאַן.
פֿלעגט זיצן און וואַרטן אויף זיין שלום עליכם, זיסער שטימע און ליכטיקן פּנים.
זיך געדוכט, זי רעדט מיט אים, ווי אַמאָל, פֿון איינפֿאַכע, אָנגענעמע ענינים.

זיך איבערוועקן אין נעבט פון קאַשמאַרן, און פליסטערן: שמואל־שמחה קרוין,
וועסט דעם מנין פאַרזאַמען; עפן די אויגן, אָבער שווך־זשע, שוין.

זיך וואַרעמען אין פרימאָרגנס ביי ווינטערדיקער פליטע, און קלערן:
— דעם זין דערפון, ליבער גאָט? ווי האָסטו געקענט אַזוי מיין עלטער פאַרשטערן?

ווען נאַצי־מעסער פוילן אין שטיקער געשניטן,
האָט זיך געשטאַרקט מיין מאַמע, און רעשטלעך לעבן געוואָלט פאַרהיטן.
ווי אַ פאַראַנקערטע שיף אין בלוטיקן ים געבליבן שטיין,
און גאָטס בליק געצוווּנגען צום פאַרצערטן אידישן געביין.

ווי אויף אַן אָפּגעשניטענעם פעלד מסתמא געגישטערט און געזוכט.
ערגעץ אַ קערנדל פאַרזייט, וואָס ס׳וועט נאָך געבן אַ גאָלדן פרוכט.
זיכער אין גריבער זיך באַהאַלטן, ווי אַמאָל מיט די קאָשן ברויט,
און גערעדט פון איר שמואל־שמחהלע קרוין, אונטער די פליגלען פון טויט.
זיך געבראָכן שאַרפער מעסער אויף מיין מאַמעס פעלזיקן לייב,
ווייל פאַרקנסט צו אייביק לעבן געווען, ווי אַ געטריי ווייב.

ס׳איז דיין בלוט, מאַמע מיינע, גאָטס שעפערישער פייער,
און ביי דיין ליכט ווערן וועלט און מענטש גאָר טייער.
אויסגעקריצט אין מיין נשמה, — אַז קלאָגן פאַרשטעלט די אויגן,
אָט טרייסט זיך, מאַמע, ס׳וועט דיין קינד, דעם לעצטן, אויך קיין שטורעם נישט בויגן.

איך זיץ אין אַש, און אין זױד

איך זיץ אין אש,
און איך זוד.
די זאַכן וואָס איך געפין
זיינען גוטע:
מיין מאַמעס שבתדיקע בראָש,
אויף אַ ווינגל, — אַ בעקערישער קאָש;
און אַ גראבליע צו פיעלען,
וואסער קאנען צו באוואסערן,
און אַן אָנווייזער וואָס צו כשרן און וואָס צו אפּ[illegible];
דאָס זענען אַלץ זאַכן מיין מאַמעס.

איך זיץ אין אש,
און איך זוך.
די זאַכן וואָס איך געפין
זענען גוטע:
דער ברויט־מעסער:
(זאָל עס, איטקע, אונטערן טישטוך ליגן בעסער;
אַז דו קלערסט וועגן חורבן בית המקדש און גלות ישראל,
ווילסטו קענען לעבן אויפהייבן אַן האַנט;
זאָל עס, איטקע, אונטערן טישטוך ליגן בעסער)
אין מיין טאַטנס האַנט איז אַ ברויט־מעסער שפּאָרעוודיקייט און מאָס.

און אָט איז אליהוס פּסחדיקער כוס,
(אין גלאָז אַ פּיק און ס׳גיט מיט גאולה אַ קלונג).
און אַן האַמער,
(דער טאַטע זאָגט: ערלעכע אַרבעט מאַכט דעם פּנים שיינען)
און אָט אַ ברעטל פון אַ שטענדער,
הכנעה און ליבע, נישט צו געפינען אין פּופּציק לענדער.
דאָס זענען אַלץ זאַכן מיין טאַטנס.

איך זיץ אין אש,
און איך זוך.
די זאַכן וואָס איך געפין
זענען גוטע.
מיין רבי פלעגט זאָגן: ס׳איז אַ מדרגה צו זיצן אין אש;
אומבעקאַנט דער גליק פאַר אַ גוישן יאוש.

האַרבע זאַכן וואָס זענען דערלויבט

שבת פרי, פאַרן דאַווענען, זומער צו ווינטער,
טרינקט מען הייסע טיי, און מע צעשפּאַלט אין פיר טיילן
די האַרטע ציגעלעך צוקער.
מיין פעטער משה־אהרון באַווייזט וווּנדער:
פיר גלעזער טיי מיט אַ פערטל פון אַ ציגעלע.

האַרבע זאַכן וואָס זענען דערלויבט:
איך מיין דאָס טרינקען טיי פאַרן דאַווענען.
אמת טאַקע דער טאַטע האָט שוין געהאַט אָפּגעזונגען
די שבתדיקע קאַפּיטלעך תהילים,
און אָפּגעזאָגט פאַרשיידענע ברכות און שטיקלעך
פון אַרום מה טובו;
ס'איז, אָבער, פאָרט געווען פאַרן דאַווענען.

האַרבע זאַכן וואָס זענען דערלויבט.

אין גרויסן עס צימער לייכט דער שבת מיט פרייד.
די לייכטערס אויף זייער אָרט, און דער טישטוך איז ווייס.
ס׳שפיגלען זיך אין ציכטיקייט די פּאָדלאָגעס,
און די פאַרביקע „כאָדניקעס“ *) אויסגעלייגט מיט פלאַן און געדאנק.

ווינטער איז אין אויוון אַ פריילעכער פייער.
(יוזעף צופרידן מיט זיין מלאכה, און ס׳גלאנצן זיינע שיך)
זומער איז אָנגענעמער דער גאניק און גאָלדיקער די זון.

דער עולם טרינקט טיי און שמועסט פּאָליטיק.
פעטער משה־אהרון רעדט ארום איטשעלעס בריוו וואָס אין „היינט“.
דאנציגער, דער וואַרשעווער פריזירער, וואָס וויל ווערן אַ ליטוואַק
און קען נישט,
רעדט אויף זיין פוילישן אי וואי, מיט היץ און מיט ברען.
דאָ איז ער די וועלט־קאַרטע מסדר, און אַ מינוט שפּעטער איז זי
ווידער צעשטערט.
רעדט און שרייט, און עולם לאַכט פון זיין אי וואי, אי וואי.

ס׳קומט אריין מענדל שמש, — אַ סימן ס׳איז צו שחרית גאָר נאָענט.
ער טרינקט אויך, מענדל שמש,
און דערנאָך איילט מען זיך אין בית מדרש מיט שנעלע טריט און
אויסגעקעמטע בערד.

אין שטוב קלינגען נאָך דאנציגערס אי וואי, אי וואי,
און ביים דאווענען פעלן נישט מער ווי די יונגוואַרג אין די
גימנאזיסטישע היטלען.

---

*) לאנגע, שמאָלע טעפּיכער פון ביליקער אויסארבעטונג.

ווי גוט עס איז ליב צו האָבן שטילע, פּשוטע זאַכן

ווי גוט עס איז ליב צו האָבן שטילע, פּשוטע זאַכן:
מיין מאַמעס עמער, מיין טאַטנס שטעקן מיטן זילבערנעם הענטל,
און די אייניקלעך וואָס לאַכן,
לעבן גאַניק, ביים דינעם וועגטל,
ווען זיי קומען אויף זומער צום זיידן.
איך דערצייל זיי מעשׂהס אָן אַ סוף:
וועגן צדיקים און גאָלדענע ביימער וואָס אין גן עדן,
און וועגן גרויסע, קלאָרע טייכן און גוטע, ווייסע שאָף.

ווי גוט עס איז ליב צו האָבן שטילע, פּשוטע זאַכן;
מיין מאַמעס מולטער און מיין טאַטנס גענדזן־פּעדער;
די קליאַטקעס פון ציגל וואָס פאַר פויגלען פלעג איך מאַכן;
און די שטיפערייען אין יחיאלס שייער,
און די סודות פון מינעס מיט זילבער, קופּער און גאָלד,
וואָס שמחה באַשקעס דערציילט פאַר אַ באַרגע אין דער שטיל.
(סיוואָלטן יינגלעך מיט די אוצרות פאַרן ירדן־לאַנד גערן באַצאָלט)
ער רעדט ביים שוועל פון מנחה; אין חדר איז לייכט און קיל.

און די אַלטע בוימער ביים נאַרעוו;
אין זייער שאָטן, לג בעומר, זינגען פרומע בחורים שירה.
קומען פון ביאַליסטאָקער ישיבה אין שטעטל,
די לונגען צו דערפרישן אויף פעלדער מיט קאָרן.
דער בחור, וואָס עסט ביי אונז יעדן מיטוואָך, לאָזט איבער אַ צעטל,
אַז אַ גימנאַזיסטיש היטל פּאַסט נישט פאַר מיין אידישן פּנים דעם קלאָרן.

ווי גוט עס איז ליב צו האָבן שטילע, פּשוטע זאַכן:
מיין מאַמעס תחינה־ברילן און מיין טאַטנס גלייכע ווירע;
שמחה באַשקעס סודות,
און אין גן עדן די פרומע זיידעס.

ווי גוט עס איז ליב צו האָבן שטילע, פּשוטע זאַכן.
גרינע עפּל אין שמולעס סעדער,
און מיין טאַטנס גענדזן־פּעדער.

די ערשטע בבא קמא

— וואָס מאַכסטו, יינגל, גלעט דער „קאָלנער" מיין פּנים.
אין די גימנאַזיסטישע היטלען און מונדירן זעט איר אַלע אויס ווי יונים.

ווו איז דער פּרצוף איד, יינגל, זאָג זשע אליין.
וואָלסט בנאמנות אָן די קופּערנע קנעפּלעך זיך געקענט באַגיין.
און וואָס לערנט מען, מישטיינס געזאָגט, ביי אייך אין די קלאַסן?
איר וועט, נעבעך, פֿאַרפֿאַלן ווערן צווישן די גויאישע מאַסן.
זאָג דיין טאַטן, אינגל, כּיוויל זאָלסט צו מיר קומען לערנען בבא קמא;
ס׳וועט אויך נישט זיין דאַגעגן דיין פרומע, גוטע מאַמע.

מיין טאַטע האָט אין גרויסקייט געלויכטן, און די מאַמע אין טרערן געשטראַלט;

טירן און פענצטער אויפגעפראַלט,
און אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז ס׳איז איר זון דער קליגסטער;
ס׳איז איר זון דער שענסטער.

שבת שעהען

ס׳לייכט דער שבת אויף מיין מאַמעס גאָלדענעם בראָש,
און קלינגט מיט זילבער אין טאַטנס תפילות.

אויף שפּיצן פון דריי בוימער, קאָקעטן ביי מיינע שויבן קלאָרע,
מיט תמוזדיקער עניוות, וויגט זיך דער שבת.

אויף די קלעצער וואַרעמט יוזעף זיין בלויזן קאָפּ,
און שפּילט זיך מיט די וועכטערישע שליסלען, ווי מיט איבעריקע זאַכן.

צו גאָלדענע ציפּערן נידערט דער שבת,
און ביי מנחה איז גרוים די בענקעניש פון שמולע דעם שמיד.

בלינדע פויגלען פּיקען דעם אַלטן בית מדרש האָלץ,
און מיט האַרציקע טענער טוליעט זיך צום שבת שמולע דער שמיד.

כאָטש פינצטער שוין, ווארט מענדל שמש מיטן קלאַפּ צו מעריב.
ס׳לאָזט נישט די האַרץ זינדיקע אין גיהנום צו יאָגן.

און מיט אַ פּנים פון אַ גרויען מיטוואָך,
שטופּט זיך די וואָכיקייט אין אַלע טירן.

מײַן טאַטע און איך

מיר האָבן װײניק צװישן זיך גערעדט, מײַן טאַטע און איך,
און איך קלער, אַז מײַן טאַטע איז געװען אַ איד װאָס האָט בכלל
װײניק גערעדט.

װען ער קוקט זיך צו צו מײַן מאַמען אין קיך,
איז שװײַגן זײַן פאַרגעניגן.
און אַז איך זאָג אַ קינדערישן ליגן,
װעגן גאָלדענע ציגן און זילבערנע װיגן,
איז מילד אױף מיר זײַן בליק.
ער זאָגט מיט אַ געזאַנג:
ס׳גײט אין שטאָט אַרום אַ קלאַנג,
אַז לײבעלע שאַפער האָט ליב שקר;
איז פון אַלע ליגנערס דער גרעסטער בעקער.

מיך געוואָרעמט און געפּרייט,
מיט טויאיקע קערנדלעך די נשמה פאַרזייט,
ווען כ׳בין אַ קינד געווען.
שפּעטער, שטיל צו מיר געוואָרן.
כ׳וואָלט, אָבער, געשוואָרן,
אַז ליבע אָן אַ שיעור
איז אין זיין שווייגן געווען צו מיר.

אים ווי געטאָן ט׳מיין הוילער קאָפּ;
(ווי קומט טאַקע צו אַ אידישן בחור אַ הילוך פון אַ זשלאָב?)
צוואָס ארויסרופן בייז בלוט אין בית מדרש געסל,
און אויפקאָכן פרומע הערצער ווי אין אַ קעסל?

נישט פאַרשטאַנען און דאָך פאַרשטאַנען מיינע „לינקע וועגן".
— זאָל טאַקע מענטש זיין ברודער טרעטן מעגן?
טענהט ער צו זיין איטקע, מיט צער אין זיין קול.
—און אפשר וועלן זיי גליק פאַר אַלע נאָך ברענגען אַמאָל.
אָבער, פאַרוואָס דער הוילער קאָפּ, דאָס אנטלויפן פון גאָט און זיין געבאָט?
אַ שאָד, איטקע, אַ שאָד.

אין אַלטן אמת טויזנטער מאָל מיך דעריגערט,
אַז ריידן בלחש איז אַ געטלעכע מדרגה,
און אַז מיט שטילע טריט גייט אַ מענטש צו דער עקדה.

און ס׳איז היינט מיין טאטנס שווייגן,
ווי שטאָטנדיקע צווייגן,
אין גרויסן מדבר מיינעם,
אָן זיין ליד דעם פיינעם.

ווייניק צווישן זיך גערעדט, מיין טאַטע און איך,
און זיך ליב געהאַט און פאַרשטאַנען, מיין טאַטע און איך.

דריי עפּל בוימער

כּיקלער וועגן די דריי עפּל בוימער אין מיין טאַטנס גאָרטן,
פּונקט ווי ס׳וואָלטן אויף דער וועלט קיין חרובֿע שטעט נישט געווען,
אָדער גאָר אין אַלע פאַרגעסן, ווי קיין זאַך נישט געשען.

איך קלער אין די עפּל בוימער דריי,
און אין די וואַסער קאַנען נייע, — אויך דריי,
און אין די גראַבליעס, די רידלעס, — אַלץ צו דריי.

איך דערמאָן מיך:
איינמאָל אַ פּראַנאַכט האָט זיי דער טאַטע געבראַכט;
געזאָגט, מע דאַרף פאַרפלאַנצן, איידער ס׳קומט די נאַכט.
האָבן מיר, דריי זין, דריי גריבער שמאָלע געגראָבן.
דער טאַטע האָט עפּעס וועגן ארץ ישראל גערעדט,
און געמורמלט וועגן פיל נחת האָבן.

מינוטן שפּעטער זענען די בוימלעך געשטאַנען אין פּריש באַשאָטענע
גריבער.
ווייבער און קינדער האָבן אַרויסגעקוקט רואיק פון ארומיקע שטיבער.
די בוימלעך האָבן געהאַט אַ פּנים, ווי נאָכן ערשטן מפטיר אַ גוט
אינגל דער מאַמעס.
(נישט געקענט מיר די שמחה פאַרשטערן אַפילו די ביליקע
רייד פון פּוילישע כּאַמעס)

ס׳איז די משפּחה ווי גרעסער געוואָרן.
זיך געוואָרצלט אין וואַרעמען כּוח,
און געזאַלבט אין גוטן ריח
פון עפּל בוימער דריי,
אין אַ וועלט וואָס איז געשטאַנען, ברייט אַרום און פריי.

זומער דורכן פענצטער, ווינטער דורכן לאָדן,
האָט אַ שטילע שטימע מיר פאַרזיכערט און געזאָגט,
אַז די ערד איז מיט חן אָן אַ סוף באַלאָדן.

ס׳איז מיר גוט געווען מיט מיין טאַטנס גאָרטן.
געבענקט נאָך אים שפּעטער,
ווען געוואַנדערט איבער ימים און פאָרטן.

און איך קלער, אַז אויב עס שטייען נאָך די עפּל בוימער דריי,
וואָלט איך אפשר אין זייער שאָטן מיין טאַטנס תּפילות דערהערט
אויפסניי,
און זיינע רייד וועגן פיל נחת האָבן,
און ס׳וואָלט פאַרגעסן,
אַז די בייזע שעה האָט דאָך שוין פון לאַנג געשלאָגן.

און איך קלער אין די דריי עפּל בוימער אין מיין טאַטנס גאָרטן,
און אין די וואַסער קאַנען, די גראַבליעס, די רידלעס, —
אַלץ צו דריי,
פּונקט ווי ס׳וואָלטן אויף דער וועלט קיין חורבע שטעט נישט געווען;
און ממש קיין זאַך נישט געשען.

אַ גאַנדז אויף שבת

ס׳קרעכצן די פאַרהאַקטע לאָדנס.
אין דרויסן איז ווינט און קלעפּיקער שניי.
די מאַמע איז צופרידן מיט דער גאַנדז אויף שבת.
גאָלדיק פינקלט ס׳טייערע פלייש.

וואַרעם אין קיך און ליכטיק.
דער טאַטע קוקט אויף דער גאַנדז און האָט פיל הנאה.
די מאַמע רעדט, ווי צום גאָלדיקן פלייש:
— אַז אַ קינד האָט ליב אַ מאַן,
דאַרפן זיך טאַטע־מאַמע נישט מישן.
כ׳וועל מיין פריידלען געבן די בעסטע פעדערנע און קישן;
איר פּאָר מאַן און לייט נישט פאַרשעמען.

ס׳קרעכצן די פאַרהאַקטע לאָדנס.
אין פליטע קלאַפּן מיט זייערע צונגען די פלאַמען.
דער טאַטע איז שטיל.
זאָל ס׳ווייב מיינען, ס׳איז קלוג זיין מחשבה.

וואַרעם און ליכטיק.
נישטאָ קיין דרויסן, נישטאָ קיין וועלט.

אַ גאָלדענע גאַנדז, הייסע גריוון,
און איידעלע ווערטער
וועגן ליבעס געטרייע,
און טאַטע־מאַמעס וואָס דאַרפן זיך נישט מישן.

פסח נאָכן סדר

ביי מיין מאַמען איז אַ מנהג ליב און טייער.

פסח נאָכן סדר גיט זי אַ בליק לעבן שייער,
קומט אַריין אין קיך, נעמט דעם עמער,
(זעט אויס לגבי דעם חמוצדיקן ווי פון זילבער)
און דעם מאַן, — אונטערן אָרעם שטארק,
און גייט זיך אַוועק צום פלומפ, אויפן מאַרק.

ס'אָטעמט מיט יום־טוב דאָס געסל, און עמער איז צו
וואָכיקייט אַ בריק.
(אַזוי אויך מיט יאָרן אַמאָל, ווען בעקער קאָש געווען ס'ערשטע וויג)
זייער גאַנג איז לאַנגזאַם, אין פרייד. ווייס דער מאַרק. ווייס די דעכער.
זיי שפּרייזן אין ווייסקייט אַלץ העכער און העכער.
מיט ווייַן באַרוישט, געזאַנג און ליכט;
ווייסע נאכטיקייט, שיכט אויף שיכט.

זענען אויפן מאַרק ווי קינדער געוואָרן.
מים חיים, זינגט דער טאטע, ווי אַ בחור אין יונגע יאָרן.
איז געמיש פון מלך און שטיפער.
זאָרגלאָזע מינוטן און ערנסטע ציפער,
פסח נאָכן סדר, אין מאַרק, ביים קוואַל.
זיי זינגען: פריילעך, יידעלע, שאַל, שאַל.

קומען צוריק, ערנסט און באַזאָכט.
זאָגן צו קינדער: שוין אַ מנהג אַזאַ געמאַכט.
דער טאַטע שטעלט אויפן טאבורעט פולן עמער,
און פאַרבאלט אינגלישע שטיפעריי אין אַ יום־טובדיקן זמר.

ביי אַ טיש מיט ברויט און שקיעה

זי רעדט ווי צו זיך אַליין.
איר בליק אויפן טיש מיט שקיעה און ברויט.
(אַ פאַרשפּעטיגטער נאָכמיטאָג אין אַ זומערדיקן טאָג).
מענהט, אַז בלידונג איז שיין; טייער און שיין.
אַ קינד צו שיקן אין דער פרעמד איז טאַקע אַ צער.
מיט שלאָפלאָזע נעכט צאָלט אַ מאַמע דערפאַר,
און פאַרענדיקט: בילדונג איז שיין און אַ גליק.

דער זייגער האָט מיט שטילער עקשנות אַרומגעפירט זיין טיק־טאַק,
הין און צוריק.
(די זון איז נישט מער רויט געווען.
ס'ברויט אויפן טיש איז ווי פרישער און בעסער געוואָרן)
האָט ווידער גערעדט:
איך בעט ביי גאָט און בעט,
עס זאָל מיין קינד מיין קבר באַשיינען.

— כ'האָב פיינט דאָס וואָרט קבר; כ'וויל נישט זאָלסט אַזוי טענהין.

ס'איז אין צימער זייער שטיל געוואָרן.
מע זאָגט, אין אַזעלכע שעהען גוססט אויף וועלט דער צאָרן.

— אָבער צוזואָס, מיין ווייב, אין אַ פרעמד, ווייט לאנד?
אַן עם האָרץ איז טאַקע צו שפּאָט און שאנד.
אַמאָל, אָבער, האָט מען תורה אין יעדן ווינקל געפונען.
ט'געלויכטן ווי מיט זיבן זונען.
וואָס מיר פראנקרייך, וואָס מיר דאָקטער,
אַז פון מענטש אנטלויפט דער איד, אַלץ אָפטער און אָפטער.

— אַ נײַע װעלט, שמואל־שמחה, אַ נײַער דור.

אַזױ האָבן צװישן זיך געשמועסט פֿון הימל אַלײן אַן אױסדערװײלטע פּאָר:

די מאַמע פֿון בילדונג און װעלט,
און דער טאַטע װעגן אידישן מענטש און גאָטס געצעלט.

אָפּט אַזעלכע שמועסן געהאַט אין שטילע טעג,
בײַ אַ טיש מיט ברױט און שקיעה,
און פֿון שײַער פֿלעגט זיך הערן יוזעפֿ׳ס שנײַדנדע זעג.

אין שעהען אַזעלכע גוסט אױף װעלט דער צאָרן,
און פֿליבן זיך, אין פֿרײד און צער, פֿון גאָט אױסדערװײלטע פּאָרן.

דער וואָך אַנטקעגן

ס'יזע אַזוי נאָענט מיין מאַמען,
אַז ס'דוכט זיך מיר — מיר שמועסן צוזאַמען.

ס'איז שבת־צו־נאכט. זי זאָגט „גאָט פון אברהם".
און גאַס שנירלט זיך אַ שנייעלע אַרום עלעקטרישן לעמפּל פון מיין מומעס קראָם.

אויף לאַנגע שליטנס קנאקן באַלעגאָלעס מיט בייטשן און צונגען.
קוים אויף וואָך זיך דערוואַרט די קאַשטאַנע פערד און געזונטע יונגען.

די מאַמע וויינט, ווייל דער שבת איז אַוועק,
ווייל אנשטאָט גאָלדענער בראָש, די וואָכעדיקע זעק.

...דער פאָטער יעקב און די מוטער רחל, — זון און ליכט פון ארץ ישראל;
גאָטעניו ליבער, ס'וואַרט דיין פאָלק אויפן גוטן גואל...

די וואָך פלאַפלט פריילעך אין וואַרעמער פליטע,
און ס'האָט זיך צעזונגען די אַלטע גיטע.

מיט רעשטלעך שכינה אויף איר שיינעם שטערן,
(ווי בריליאַנטן געלויכטן אירע טרערן)
גייט דער וואָך אנטקעגן, מיט קעניגליכע טריט,
מיין מאַמע, שמואל שמחהס, געשיקט און געניט.

מיט פּויערים אין קרעמל די מומע זיך געדונגען.
אויף שליטנס האָבן יונגען געפּייפט און געזונגען.

נישט מער ווי חלום

און אפשר איז עס נישט מער ווי אַ חלום;
אפשר האָב איך גאָר אויסגעטראַכט
ווערטער ליבע אַזעלכע,
ווי „ווייסט מיין זון״...
און ענלעכע קלאַנגען,
זיסע אַזעלכע.

אַ חלום וועגן גאָלדענע פאַרנאַכטן מיט ריחות פון גוטע פרוכטן,
וואָס אין צוקער זיך געקאָכט, אין מעשענע פאַנען.
די מאַמע צופרידן, רעדט צו דער מומע ציפע:
— הערסטו, שוועסטער, פאַר מיין מוזשיניקל נישטאָ קיין גרעסערער
פאַרגעניגן ווי אַביסל פאָווידלע,
ווען ער לויפט אַריין פון חדר, מיט דער אָנגעצונדענער לאַמטערנע,
אַרום ניין, מיט די שטיוועלעך אין שניי.
אָי גאָטעניו גוטער, זי מישט דערביי אין גלאַנציקער פאַן,
עפן זיין קעפל פאַר דיין ליכטיקער תורה, גאָטעניו, גאָטעניו.

און אפשר איז עס נישט מער ווי אַ חלום געווען.
אַ חלום פון זומערדיקע פרימאָרגנס, און ברכות פרומע,
און קוכנס פרישע פארן מוזשיניקל אין חדר.
(זי זאָגט, אַזאַ יאָר אויף איר, סאראַ קינד עס איז)
— כ׳הייב נישט אָן צו גלויבן אין די אַלע רייד.
ער דאַרף, הייסט עס, אוגערקעס פון שמולעס גאָרטן?
ענטפערט דער טאַטע: איטקע מיט דיין ברייטן פאַרטוך,
פוירסט איבער די קינדער, פירסט זיי איבער.

און אפשר איז עס נישט מער ווי אַ חלום געווען.

אין פאַרנאַכטן אַזעלכע ווי היינט, מיט הימלען גאָלדענע איבערן קאָפּ,
גלוסט זיך מיר זאָגן, ס׳איז אַ חלום אַזאַ געווען;
אַן אויסגעטראכטער חלום פון מענטשן פאַרבענקטע ווי איך.

מענטשן און נאַטן

כ׳דערמאָן דיך, שטעטל מיינס,
ווייל כ׳וויל ווייטער לעבן;
עסן ברויט פון ערלעכער אַרבעט,
קינדער אין ריינקייט געבערן,
און לויבן גאָט ביים פינקלען פון ליכטיקע
שטערן.

* *
*

כ׳וועל מיך טראָגן מיט דיין אש אויף מיין קאָפּ.
שטיין ביי דיין צאם, ווייל ס׳קייקלט זיך
וועלט באַרג אַראָפּ.
האָסט מיך געלערנט וועגן ריינער קיך און
ציכטיקער בעט.
כאָטש געבלוטיקט, נישט געזאָגט
קיינמאָל ס׳איז שוין צו שפּעט.

נישט געוועלטיקט צעקאָכטע יובעס אין דיינע
שטיבער.
נישט געזען זנות אָדער רויב אין דיינע
גריבער.
האָסט געלעבט ערלעך און אָרעם,
און גאָט געזען אין יעדן מענטש און יעדן
וואָרעם.

כ׳וועל מיך טראָגן מיט דיין אש אויף מיין
קאָפּ.
שטיין ביי דיין צאם, ווייל ס׳קייקלט זיך
וועלט באַרג אַראָפּ.

די געשענקטע חלה

געהאָרעוועט ביטער אויף פרנסה מיין פעטער מאָטל.
נישט געווען קיין עבר בטל,
אויך פויל נישט געווען.
אין האַנט געקענט האַלטן אַ פען.
באַזאכט געווען, און אויך איידל.
ס'האָט, אָבער, ס'שטיקל מזל געפעלט.
וועג צום גליק האָט הימל פארשטעלט.

פעטער מאָטל האנדלט מיט אלץ:
חזיר־האָר, טשערוואָנצעס, דאָלאַרן און זאלץ.
און אַז ס'קומט שבת טראָגט די שוויגער אונטערן פאַרטוך אַ חלה.
(קינדער מוזן דאָך עסן; ס'וויינט פון חרפה דבורה'קע די כלה)

מאָטל שוויגט און ליידט.
ס'שאָקלען קעפ שטאָטישע לייט:
אַ איידעלער יונגערמאַן, אויף אַלץ אַ מבין;
אויף גערשטן און האָבער; אויף אייל און אייזן.
אָרעוועט פאַר צען און ס'ברויט איז קוואר.
אַ איידעלער יונגערמאַן, און ווייט נישט קיין נאַר.
מאָטל קלעמט זיך; ווערט שלאָף, און לאָזט אַרויס פון האַנט שווערן
פרנסה פאק.
גייט אין יונגע יאָרן פון וועלט אַוועק. (ס'האָט אים צעפרעסן אַ ראק).
נישט געארט אים שווערע פראצע און עניים אַלע.
נישט געקענט אָבער פאַרטראָגן אונטער דער שוויגערס פארטוך
די געשענקטע חלה.

שטילע אָרעמקייט האָט אַ גלאַנץ

משה אהרון מײַן פעטער:
שטילער עקשן,
קלײנער הזיקם,
קורץ געשוירן בערדל.

שוואַרצער חופּה מלבוש
גלאַנציק, אָבער ניי.
דרייסיק יאָר פאַרלאָפן,
ס׳איז צום גלייבן קוים.

אַ שטוב מיט מיידלעך,
נידעריקע ווי ער.
ס'איז מיין פעטער אָרעם,
זיפּצן כלות אין די ווינקלען,
און וואַרטן אויף בשורות פון גאָלדענע פּאַוועס.

אין דקדוק,
דער בעסטער אין שטעטל מיין פעטער.
שטעלט אין קלעם לערערס אין „די קלאַסן".
ס'הייבן פלייצעס די גרעסטע העברייער.
חמורים, בנאמנות,
שמייכלט מיט ביטול, מיין פעטער משה אהרון.
גייט פאַרביי אין בית מדרש טישן פון למדנים,
מיט וואסערטרעגער וואָלטן זיי ביי מיר געזעסן,
זאָגט מיט צער, מיין פעטער משה אהרון.

שפרה דאָס ווייב זיפצט און טראַכט:
— וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?
מיידלעך אין שלאָפבענק לייענען ראָמאַנען.
ביי לייטן אין די שטיבער שטייען מילך פולע קאַנען.

משה אהרון מיין פעטער
בייסט ביז בלוט זיינע נעגל.
— מ'ישטארבט נישט פון הערינג און קאַרטאָפל.
ער פאַרטראַכט זיך; ווערט שטיל;
איז פול מיט הכנעה.
די שטוב מיט מיידלעך איז סיבה מסתמא.

שטילע אָרעמקייט האָט אַ גלאַנץ:
ריינע, ציכטיקע פּאָדלאָגעס,
ווייטע פּאַזועס מיט גאָלדענע בשורות,
און פאַרבאָרגענע סודות וועגן אַ דגש און אַ שוואָ;
זאַכן עקשנותדיקע אַזעלכע,
אויפֿן שוועל פֿון אַ נגיד נישט צו געפֿינען.

די געשיכטע פון אַ געסל

אַז אַ מאַמע שיקט אַ קינד עפּעס קויפן,
באַפעלט זי נישט נאָר ס'זאָל, לאָמיר זאָגן, מיטן פלעשל בוימל נישט לויפן,
נאָר למען השם נישט פאַרגעסן אויסצומיידן דאָס געסל.
גיין אַרום און אַרום, אַבי נישט דורכן געסל.

אַז ביי אַ פליטע טריקנט אַ שטיפער שטיוועלעך און קאַפּאָטע
איז עס אַ סימן פון אַ נאַכטיקער רייזע אין דער „לאנגער בלאָטע".

ווען עלעקטרישע לאָמפּן לויכטן שוין אומעטום
איז געסל נאָך אַלץ פינצטער און קרום.

צוליב פוילישער רשעות איז עס געשען.
ס׳געסל איז אַמאָל אין גאַנצן נישט געווען;
אָנשטאָט דעם שוואַרצן, מיאוסן ווונד
איז אַ גרויסער פּלאַץ געשטאַנען, ליכטיק און רונד.
אַרום און אַרום, פרײלעכע פענצטער און טירן פון אידישע קראָמען;
אַראָפּגעשײנט האָט פון יעדן שילד, היימיש און ברייט, אַ אידישער נאָמען.

דינסטיק און פרייטיק שטעלן זיך אויס גרויסע יְרידן.
גויים פון דערפער קומען האַנדלען מיט אידן.
די עשירות און פּראַכט פון פּוילישן פעלד,
(נישט אָפּצושאַצן מיט קיין בערגער געלט)
אויף לאַנגע וועגענער געלעגן, —
אַ מתנה פאַרן שטעטל, פון וועלדער און וועגן.

פישל קצב צעלאָזט זיך ווי אין אַ אייגענער מלוכה.
קלאַפּט פויערים די הענט, אַז ס׳שפּריצט אַזש פון פּנימער ס׳געזונטע יוכע.
כאַפּט זיך אַריין אין שענק מיט אַ כאַפּטע און מאַכט אַ כוסה.
שפּייט און צאָלט, — אַ סימן געמאַכט אַ קניה אַ גרויסע.

ווייבער קויפן גאַנצע זעק באַרנעס און עפּל;
קינדער טאַנצן פון אָרט; ס׳וועט זיין פרײלעך אין טעפּל.
בינטלעך העכט פון נארעוו, וואָס לעבן שטעטל,
און שטויסן אייער, וואָס אַ גויע צײלט אריין אין אַ אידישן רעקל.

אַ לעבן, אַ געדודער, — ווייץ, קאָרן און פלאָמען, —
אויפן גרויסן, רונדן מאַרק, מיט צעעפנטע אידישע קראָמען.

אַזוי געגאַנגען לאַנגע, לאַנגע יאָרן.
גוים און אידן נישט געוווּסט פון קיין צאָרן.

אָט זענען די שכנים וואָס אויפן מאַרק.
ערשטנס, בערל שניידער; מענחט, אַז ווען אַרבעט אַ סך, איז ראַז דער קארק.

האָט זיבן זין:
שטארק באַליבט פאַר זייערע דריידלעך פון צין.
איטשקע, דער בכור, האָט אין צייכענען פיל וויסן;
צייכנט מענטשן ווי ריזן.
דער יינגערער שלמה׳קע שפּילט זיסע ניגונים אויפן פידל.
ווערט ביים סוף אַ חלוץ און נעמט זיך צום רידל.

געראָטענע קינדער ביי בערל שניידער.
יעדער יונג, אַ בריה, אַ כוואט.
ס׳איז זיין שטוב די פרייליכקייט פון מאַרק,
און ווייל מלאכה א סך, איז ראַז ביי יעדן דער קארק.

ס׳פאַרנעמט אויך משה אברהם דער גראיעווער חסיד, אַ חשובן פלאַץ.
אויפן שוועל ליגט שטענדיק „יאנינא״, די חסידישע קאַץ.
ס׳ווייב שיינדל רעדט ארויס שאַרף דעם ריש און מיט אַ קלונג.
האָט ווי אויף רעדלעך אַ קנאַקעדיקע צונג.

אַז האלערס סאָלדאטן פלעגן ווי בייזע הינט לויפן פון מיליטערישע באנען,
און לגבי אידישע בערד און קראָמען די ווילדקייט ווייניק צאמען,
איילט זיך שיינדל איבערן מאַרק און שרייט:
משה אברהם, משה אברהם,
פאַרמאַך די קראָם, פאַרמאַך די קראָם;
סאָלדאטן פאָרן, סאָלדאַטן פאָרן,
און ס׳קלינגט איר ריש מיט אָן אַ שיעור צאָרן.

וועגן משה אברהם פאָדערט זיך עפעס מער דערציילן;
ווייל ווי איז עס געשען,
אַז אין אַ שטעטל ליטוואַקעס, לעבן נארעוו,
זאָל אַ פייערדיקער חסיד זיין מצרף?

אַזאַ שיינעם איד ווי משה אברהם זעט מען קוים.
הויך, שלאנק, ווי אין גאָרטן דער שענסטער בוים.
צווישן טויזנטער שווער צו געפינען אַ אידן, אַזאַ ווילן.
זיין באָרד, לאַנג און ציכטיק; אויגן שוואַרץ ווי קוילן.
און דער עקר, דער עקר: זיין פריילעכקייט, זיין שמחה,
סיי יום טוב, סיי ביי אַ פשוטער מנחה.
נישט געווען אין שטעטל ווי עפעס אַ גאסט, אַ נייער.
אַ חבר צו אַלע גיך געוואָרן, און געטאָן אַלץ מיט פייער.

ס׳ברעכט אַמאָל אויס אַ שרפה אין שטאַט.
אידן, יונג און אַלט, שטייען און בעטן ביי גאָט.
משה אברהם קלערט נישט לאַנג, און שפרינגט אריין אין ברענענדי־
קער הויז פון ר׳ נאָטע,
און ס׳זעט פאַרגאַפטער עולם, ער לויפט אַרויס מיט צוויי קינדער
אונטער זיין נייער קאַפּאָטע.

װער נישט געזען האָט משה אברהמען,
ראש השנה נאָך מעריב, גיבנדיק לױב זײַן ליבן נאָמען;
זײַן טאַנץ, זײַן פֿרײד,
און נישט געהערט זײַנע ציכטיקע רײד,
דער װײס נישט װי מענטשטנס לעבן קען באמת זײַן שײן.
געװען אָבער אידן, און להבדיל גױים, און עס נישט געקענט פֿארשטײן.

ר׳האָט אַמאָל, טאַקע ראש השנה, געטאַנצט פֿון בית מדרש ביז שמואל שמחהס הױז.
אַ רקוד װי נאָר אין אַ אױפֿגעברױזטן חסידישן קלױז.
אין טאַנץ זיך געלאָזט װינטשן, צום נײַען יאָר, זײַן גוטן באַלעבאָס.
אױסגעטופּעט אַלע צימערן, מיט ראַשיקער האָפּקע, אָן סוף און אָן מאָס.

אַזאַ איד איז געװען משה אברהם,
כאָטש אױפֿן מאַרק נישט פֿאַרמאָגט די שענסטע קראָם.

הײנט יאָקל דער שוסטער;
רימט זיך, אַז די װעלט מעג זיך פֿון אים אַראָפּנעמען אַ מוסטער.
האַלט שטאַרק פֿון באש ובחרב.
טענהט, אַז צוליב פּהדנות איז ישראל חרוב.

שמחת תורה שטעלט ער אױס ייִנגלעך אין אַ שורה.
חברה מאַרשירט ארום בימה און באַװײַזט איר גבורה.

בײַם בױען די דײַטשע באַד אין אַ אידישן בית הספר,
באַװײַזט ערשט יאָקל זײַן גאַנצן אײפֿער.
טרעט נישט אָפּ פֿון די סטאָלאַרס בײַם בנין.
טענהט, אַז חנוך איז אַ הײליקער ענין.

יאָקל שוסטער שיט אַפֿילו אױף דער סצענע װוּנדער אַ פֿולע.
— כ׳בין נישט אַ פּורים שפּילער; כ׳האָב קונסט, שולע.
יאָקל גלײבט אױס די פּלײצעס, און ס׳עפֿענען מײלער חכמים און נאַראָנים.
איז באמת געװען אַ שפּיגל דער שוסטער פֿון סלאָנים.

אַ יחיד בּמינו איז דער טיקטינער.
זיין ווייב ברײנע יאָגט זיך שטענדיק נאָך אירע קאָליר־משונהדיקע הינער.

אין פּאַמען געדויש פון יריד זיצט ר׳ יוסף פון טיקטין
און טײטשט אוים, מיט ווײטע רמזים, דעם טיפן זין פון אַ שין.
מענטשן זאָגן, ער איז אַ מקובל.
שוועבט אַרום אין פאַרבאָרגענע וועלטן און ס׳הערט אים נישט דער רובל.

ר׳ יוסף האָט טיפע אויגן, און רויכערט אַ לאַנגע פּייקע.
זיין עלטערער זון זאָגט יעדן קינד: דיר דערצייל איך די שענסטע בייקע.

אַזוי האָבן אידן בשלום געלעבט אויפן גרויסן, רונדן מאַרק.
זומער־ירידן אויף וועגענער; ווינטער אויף שליטנס; און פּרנסה גאַנץ שטאַרק.

איינמאָל אַ פרימאָרגן, הערט ביי אידישע שטיבער,
זענען גוים געשטאַנען און געגראָבן שמאָלע גריבער.
כראַביע קעלסאַ, א גוי אַ רשע,
וואָס זאָגט ביי יעדן וואָרט פּראָשע פּאַנאַ, פּראָשע,
טענהט, אַז דער מאַרק איז זיינער,
און מעג אַפילו קומען דער אידישער גביר, מענדל ווײנער,
וועט ער לעבן אידישע פענצטער בויען אַ גרויסן מויער,
און מעג עס זיין פּאַר אידן, פּראָשע פּאַנאַ, אַ טרויער,
וועט ער אויפהייבן, אַרום און אַרום, אַ הויכן פלויט.
דער כראַביע שרייט, און ס׳פּנים ביי אים ווילד און רויט.

צוליב פּריצישער רשעות, ט׳זיך געשאַפן דאָס געסל,
דערטרונקען אין בלאָטעס, און מיט ארייַנגאַנג ווי אין אַ פּעסל.

נישט לאַנג דויערט קעלסאס ממשלה,
כאָטש ער לאַכט זיך אויס פון אַ אידישער קללה.
אין שווערע טעג פון גראבסקעס עגלה,
ווערט קלענער פון אַ נול דעם כראביעס ראָליע.

— כאָטש גיי און זאָג, אַז פון הערינג און נאַפט,
ציט דער זשיד זיין פרנסה און אומפארשטענדלעכע קראַפט.
זיי זינגען דאָך, פראָשע פאַנאַ, ווי אַמאָל, זייערע שבתדיקע זמירות.
זאָל טייוול כאַפן מאָדערנעם סקלעפ און ס׳גאַנצע עשירות.
כראַביע קעלסא שפאַנט פערד און וואָגן,
און ווי דער רוח אין דאָרף זיך אָפּגעטראָגן.

דינסטיק און פרייטיק האָבן זיך ווידער געשטעלט טומלדיקע ירידן.
זומער אויף ווענגעגער, ווינטער אויף שליטנס, האָבן גויים געהאנדלט
מיט אידן.

דער לעצטער פראַנט

ניסקע, אַ פראַנט אין הענטשקעס:
קאָלנער פון העמד, געפּרעסט און ווייס;
שמאָק אין האַנט, — גבורה און פראַכט.
אויפן קאָפּ יעדער האָר גלאַט און אויפן אָרט.
גלייכע שורות ציין מאַכן שמייכל ברייט און ריין.
אויגן פאַרטראַכט,
דער טראָט רואיק און באַזאַכט,
פאַרנארט אַ מיידל ביינאַכט,
אין פּאַרק, אָדער וואַלד.
ס'האָבן אים ליב גויים און שקצים.
גייט פריי איבער דערפער און סטעזשקעס אין פעלד.
מ'טראָגט אים פון כאַטעס מילך און ברויט.
ניסקע איז זיכער, ניסקע איז שטיל:
אויפן מאַרק, אין גאַס און ביי שמולעס מיל.

ניסקע איז פֿויל און פֿון אַרבעט ווייט.
(ס׳פּאַשעט זיך ביים יחוסדיקן טאטן
אַ פֿראנט אין הענטשקעס.)
פֿון גבירישקייט מאַכט גראבסקי אַ וויסטן סוף;
געבראָכן טאטע מאַמע,
אַראָפּגעלאָזן די קעפּ.
ניסקע איז זיכער; ניסקע איז שטיל.
אין גויאישן קלוב, אין נעכט פֿון דעצעמבער,
געווינט אין טעניץ די בעסטע פּרייזן.
זומער, ביי די גיטארעס, אין גויאישער גאַס,
איז ער איינציקער איד אין שעה פֿון רו,
אין שעה פֿון גליק.

אין בית מדרש איז ניסקע פֿון די קליינע בריהס.
ביים מפטיר, ביי לעצטער ברכה,
מאַכט ער אַ תל פֿון „וצדק".
פֿישל שוסטער פֿארקרימט זיך:
— ער האָט איבערגעלאָזט די תורה אָן אַ דעק.

דערפֿאַר האָט ניסקע שענסטן כתב.
שרייבט קאָנווערטן צום אקציז און וואָיעוואָדע.
— אַ יונג אַ פֿראַכט, זאָגן ווייבער און מענער.
מ׳איז מוחל דאָס פֿאַרנארן אַ מיידל אין פּאַרק
און דאָס אַרויסהאַקן, ביים מפטיר, אין תורה דעם דעק.

אָרעם ווערט לאַפּי און שיטער די רייען.
אין ווייטע אַמעריקעס זוכט יוגנט אַ תּיקון.
ס'שטייגט רשעות פּוילן אין פעלדער און שטעט.
„זיי געזונט", צו טאַטע מאַמע,
זאָגן טעכטער און זין.
ס'ווערט יידיש קלענער,
לאַפּי די שטאָט.

ניסקע, פּראַנט אין הענטשקעס,
בלייבט ביי די גיטאַרעס אין גוויאַישער גאַס.
וואַרט, ווי אַמאָל, אין בית מדרש,
אויף אַן עליה און אפשר אַ מפטיר אַליין.

ווייסער קאָלנער, גלאַנציקע שיך, פעסטער שטאָק, —
ווי זאָל אַ שטעטל בלייבן אָן אַ ברעקל שיינקייט און באַזאַכטן טראָט?

ניסקע איז זיכער, ניסקע איז שטיל,
אויפן יידיקן מאַרק, טוויטער גאַס און פערלאָזטער שמולעס מיל.

חומש און טויבן

אהרינקע זלמן׳ס האָט ליב טויבן.
באַנעמט זייערע געפּילן, פאַרשטייט זייערע וועגן.
טויבן זיינען פאַר אהרינקען:
ריינע, בלויע הימלען,
שטילע, גוטע פרימאָרגנס,
מחשבות וועגן געטרייע ליבעס,
און זאָרגן האַרציקע, אַז וואָס וויים איז,
זאָל אויף אייביק ווייס פאַרבלייבן.

אהרינקע זיצט זיך אוים נאָענט ביים קאָרן;
דער קאָפּ אויף די הענט,
און ער קלערט
אין חומש, קרבנות און טויבן.
אין א זומערדיקן פרימאָרגן, ביים קאָרן,
וויל ער פון גאָרנישט זאָרגן.
(אויף שטילע וועגן א צדיק גייט;
די וועלט איז שיין, גרויס און ברייט)

אהרינקע טראַכט ס׳איז גוט אין גאָט צו גלויבן,
און קוקט אין בלויען רוים,
וואו ס׳צייכנען שיינע קרייזן זיינע קלאָרע, גוטע טויבן.

די פרינצעסן שבת

ווען אונזער רבין פון קלעשטשעל פלעגן וואונדער־מעשות

וויבער דערציילן און קינדער;

אויך גויים אין דערפער, און וואָלסט געזאָגט, אפילו אויף לאָנקעס

די רינדער.

מעשות וועגן זיבן הימלען, פינפהונדערט צדיקים און גליענדע

מלאכים;

אז געאָרעמט האָט דער רבי מיט דער שכינה שפּאַצירט אויף

שמעקעדיקע דרכים;

אז ריהאָט מיט דבורה הנביאה געטאנצט אין ווינטערדיקע נעכט,

און אז ברענגען אויף שבת פלעגט אים דער בעש״ט פרישע,

צאפּלדיקע העכט;

אז אויפגעניית האָט בת שבע זיין אטלאסענע קאַפּאָטע,

און ריזאָל שטיוולעך גישט איינשמירן אין קלעפּיקער בלאָטע

האָבן אים פּארבאָרגענע צדיקים אויף זייערע הענט געטראָגן;

אז שמשון הגבור האָט טויזנטער רשעים צעשלאָגן,

ווייל זיי זענען אויף שנייאיקע וועגן דעם רבין באַפאַלן,

ווען לעבן אידישע לאָדנס, צו שחרית, פלעגט זיין שטימע מיט

ליבע שאַלן.

מ׳פלעגט אויך זאָגן, אז ער האָט פאר אָרעמע כלות געזאָרגט

און קראנקע קינדער געהיילט,

און נאָך און נאָך אזעלכע זאכן האָבן אידן און גויים וועגן אונזער

רבין דערציילט.

ווייס ווי שניי איז געווען מיין רבינס באָרד.

ווו ער גייט און שטייט לייכט אויף דאָס אָרט.

איז געווען אין נייער שול דער בעסטער שמש.

פאר זייערע קינדער פאר א רבין ווילן אים אלע מאמעס.

קיין שכר לימוד האָט דער קלעשטשעלער נישט געוואָלט;
נישט קיין רובל און נישט קיין גאָלד.
אָבער אביסל גוטן טאבאק, אָדער א בינטל רויטע מערן,
א מתנה פון א תלמיד נעמט דער רבי גערן.

ביטאָג דערציילט דער רבי פון חברונער טייטל'ען און גוטן שמן זית;
פון קרוינען און ברילאנטן און פון הייליקן בית;
פון דער פרומער חנה און אירע זיבן זין;
(און גערעדט מיט א שטימע, דינער פון דין)
אָדער פון יוסף'ן דעם בעל חלומות, און זיין העמדל מיט די שיינע פאסן;
צי גאָר פון אברהם, דעם בעסטן איד, וואָס זוכט אָרעמעלייט אויף אלע גאסן.

ביינאכט, ווען פארשפעטיגטע בחורימלאך לויפן אין איילעניש איך שטוב,
ריינט דער רבי ווי א שאקאל אין א גרוב,
אויף צרות ישראל און אויף ביטערן גלות די גזירה,
און ס'צאפלען אינגלעך אין גרויס מורא.
איך לויף צו מאַמעס בעט: דער רבי וויינט, דער רבי איז אין צער.
— שא, קינדעניו, שא; גייט, נעבעך, אוים, דער קדוש, פון אונזער ביטערן גזר.
פארגעס נישט, קריאת שמע צו זאָגן,
און גוטע מלאכים וועלן בייזע שלעק פון דיין שלאָף פאַריאָגן.

איינמאָל איז מיט אונזער רבין אַ שרעקלעכע זאַך זיך פאַרלאָפן.
געשען פרייטיק צו נאכט, און אַלעמען ווי אַ פייער פון הימל געטראָפן.
דער ענין פאַדערט פריער פון קאָלנער רב עפּעס זאָגן,
ווייל ער האָט אונזער רבין שרעקלעך דערשלאָגן.

דער נייער רב פון קאָלנע איז אַ איד מיט מאַנירן.
זיין צילענדער און בגדים, סיי יום טוב צו חול, פון ריינקייט
שעמערירן,
אַ טראָט פון אַ מלך, און אַלץ ביי אים, ריין און ציכטיק.
זיינע וועגן פאַרן שטעטל — גאָר נייע, און זיינע פענצטער, פריילעך
און ליכטיק.

— עס שמעקט דאָך פון אים; ממש אַ פאַרגעניגן, זאָגן גלאַט אידן
ווען ס׳מאַרשירט אריין דער קאָלנער אין בית מדרש מיט צופיל גאוה.
דעם ערשטן שבת,
עס סודען זיך, דאַקעגן, למדנים, אַז דער נייער איז אין תלמוד נישט
ווי אמבעסטן;
אז מיטן אלטנס, ע״ה, חכמה און בקיאות קען ער זיך ווייט נישט
פאַרמעסטן.
— עפּעס נישט אידישלעך זיין קאַרק; מיט צופיל קונצן
אונטערגעשאָרן.
כיבע ער פוצט זיך פאַר עמעצן, וואָלסטו ממש געשוואָרן.

ביים לייענען די תורה שטייט דער קאָלנער מיטן פנים צום עולם,
קוקט אריין אין חומש און עס שיינט פון אים מיט אַ הימלישן גלאַנץ.
זאָגט אַרויס חיים דער בעל קורא עפּעס במעט ווי שלעכט,
רייסט ער איבער מיט יחוסדיקער שטימע: נאַ, נאַ, — און באַלד, אָט
אַזוי איז גערעכט.
למדנים זיפצן אין גרויס פיין; ס׳איז מ׳שטיינס געזאָגט זיין גאַנצע
תורה.
און ווייל דער קאָלנער איז אַ איד אַ בעל גאוה,
זאָגט מען עס בלחש, אין גרויס מורא.
ס׳געניצן לערנערס ביי זיינע דרשות מעניני דיומא.
— ניין, ס׳איז נישט דעם אלטנס חריפות; ניין, ס׳איז נישט ר׳ שלמה.

איינמאָל אַ פרייטיק צו נאַכט צעבונטעווען זיך די קצבים.
קלאַפּן אין אַלע שטענדערס: אַ סוף צו די גנבים.

— מיר ברעכן ס׳געביין אויף אַלע וועגן; האַקן אָפּ די הענט מיט שיכורים אין שענק;
מ׳לויפט, מ׳ווערט געהרגעט און פּרנסה אַ קרענק.
ס׳ווערט זיי אַ מחלה נישט נעמען, אויב מערער וועלן זיי צאָלן.
האָבן כּחות, נישט־קשה; אַריסטאָקראַטן וואָס לאָזן זיך בערד און וואָנצעס גאָלן.

מאַכן שבת פֿאַר זיך; אַ נייעם שוחט געבראַכט,
און אונזער מערכה פֿאַלט דערוויל און קראַכט.
— שאַ, רואיק! רופט אוים דער קאָלנער, און מיט ראָזע פינגער די באָרד זיך קאַמט.
זאָל עם הייסן, אַז דער שוחט דאָרטן האָט מיין פּסק פאַרשעמט?
אויב ר׳ווערט ווידער שעכטן, האָב איך געוואָרנט דעם פּרא אָדם, וואָס איז תּמיד רויט,
וועל איך אויפֿן פלייש אַ קללה וואַרפן און אַ וויסטן טויט.

אַ שרעקלעכער פּחד אונז אַלעמען באַפאַלן.
זיך געדוכט, הימל וועט באַלד מיט פייער קנאַלן.
ביי די האַרבע ווערטער, רחמנא לצלן, פאַרבאַלט דער קלעשטשעלער ס׳פּנים אין די הענט;
פליסטערט מיט גרוים אהבה: זיי מוחל, הייליקע בת מלכּה; מחילה, מחילה, הייליקע וועגט.
געפיינ׳גט דורך גרוים ווייטאָג איבער דער בימה אומגעגאַנגען,
ווי מ׳וואָלט זיין לייב געריסן מיט גיהנום׳דיקע צוואַנגען.

— שמש פון קלעשטשעל, אַ חרם וויל איך; פון דער בימה, ווו איר שטייט דאָרט.
פאַרשאָלטן זאָל זיין ס׳פלייש, ווו ס׳ווערט אַריינקומען זאָל אַ חרמה פאַלן אויפן אָרט.

דער קאָלנער איז ווי דורך שכּרות באַנומען. ס׳פאַלט אים פון קאָפּ דער צילינדער.

נו, שמש פון קלעשטשעל, אַ חרם וויל איך; נו שוין, געשווינדער.
(אין אַ אוימהדיקער שתיקה איז געזונקען דער עולם)
דעם חרם רוף, האָסט געהערט? וואָס שטייסטו ווי אַ גולם?!
קען זיך נישט באַהערשן, און שריים: וואָס איז פאַר אַ צרה?
— כ'וועל עס נישט טאָן, הייליקער רבי, כ'בין אַ מורד; איך, ישראל בן שרה.
ווי זאָל איך דער ליבער בת מלכה פארשעמען? דעם הייליקן שבת פאַרשטערן?
ס'האָט זיך צעוויינט מיין רבי מיט ביטערע טרערן.
— כ'קען נישט; כ'קען נישט שילטן; געוואַלט, כ'בין נגד מיין רבינס געבאָט.
זיים מיך דורס; פארשטויסט פון מיר יעדן גנאָד.

— אַראָפּ פון בימה, — דו בעל העזה; כ'וועל דיך ווי אַ פיש צערייסן.
(אַז כ'דערמאָן מיך, מ'האָט מיין רבין דו גערופן, טוען מיך נאָך היינט בייזע ציינער בייסן)

דער קאָלנער שלעפּט דעם קלעשטשעלער פארן ארבל, ווי אַ חוטא אין גאַס.
(אַ שרעקלעכע תמונה; איז עס וואָר צו אַ בייזער שפּאַס?)
— אַראָפּ פון בימה דו אזעלכער, און מיין רבי קייקלט זיך פון די טרעפּ.
ביים טיר, מיט די וואַסערטרעגער זיך געשטעלט, און ס'איז זיין גוף צעבראָכן ווי דורך מוראדיקע קלעפּ.

ס'האָט גאַנצע וועלט יאָמערלעך געוויינט: גרינע לאָנקעס און ווייטע פעלדער;
בת שבע און בעל שם, און אַלע פויגלען און חיות אין וועלדער.

נאָך יענעם שבת איז דער רבי אריינגעפאַלן אין גרויס עציבות.
ווי אָן פּיס געגאַנגען פון בית צו בית און געזאמלט פאַר ישיבות.

געמורמלט אויף יעדן שוועל: זייט מוחל; ס׳האָב דעם רבנס געבאָט פאַרלעצט.
געשטאַמלט ווי אַ חסר דעה, און זיינע אויגן אין טרערן באַנעצט.

מיכאַל דער פּויער, וואָס האָט אַ טבע זיינע פעלדער, לעבן בית מדרש, ביינאַכט צו זייען,
צלמט זיך און שווערט, אַז ר׳האָט דעם שוויגנטי ראבין געזען אין שפּעטע שעהען משונהדיק זיך דרייען.

דערציילט, אַז ווען ראבין וויינט און זאָגט שווערע ווערטער פון דער אידישער וויארע,
פאַרדעקן זיך די הימלען מיט אַ שוואַרצער כמאַרע.

אין ווינטערדיקע פרימאָרגנס האָט דער רבי האָלץ אין בית מדרש געטראָגן,
אָדער פון מרדכי וואַסערטרעגער געכאַפּט די פולע עמערס, און אַזוי זיך געפיינגט אין אַלע פלאָגן.
ס׳לייכט אויף נאָר מיט ליבע זיין פּנים,
ווען ס׳וויינט אַ קינד, ס׳קען נישט דאַווענען אָן אים.

אויף דער בימה שוין מער נישט אַרויף.
פלעגט זיצן אויפן שטיין אין ליידיקן שול־הויף,
און ווי אַ פאַרליבטער, אין גרוים בענקעניש, וואַרטן אויף שבת קודש,
צו גאָר אויף דער לבנה, אין פריילעכע נעכט פון חודש.
געקרענקט און געטריקנט ווי אַ פאַרשטויסענער חתן.
דער טרויער וואָס אויף דער ערד איז אויף זיין קאָפּ אויסגעגאָסן.
די שיעורים מיט תלמידים זייער אָפּט פאַרפעלט.
דער קאָפּ איבערן טיש געבויגן, און שעפּטשען: דיין זכות, שבת מלכה, אויף אונזער וועלט.

איינמאָל אַ פרימאָרגן, אויפן רבין תלמידים געוואַרט און געוואַרט,
און לשם שפּיל אין ווייבער־שול זיך אַריינגעשאַרט.

ערשט, אַ שרעקלעכע זאַך: דער רבי אויפן דיל, איינגעוויקלט אין טלית;

אין האַנט ס׳בינטל פּרוטות וואָס געזאַמלט פאַר אָרעמע כלות;
אויסגעזען גרויס און לאַנג, ווי מיט עמעצן זיך געשפּילט.
אַלע מיטאַמאָל גרויס טרויער דערפילט.
ארויסגעלאָפן מיט גרויס געשריי: דער רבי, דער קלעשטשעלער,
געשטאָרבן, געשטאָרבן!
ס׳איז תמוזדיקער פרימאָרגן געבליבן שטיין ווי פאַרדאָרבן.

צופוסנס ביי מיין רבין, זיצט דער קאָלנער אויף אַ וואָגן מיט שטרוי.
(וואָלסט געזאָגט — אַ זאַק אויף זיינע לענדן, אש אויפן קאָפּ)
דער פּנים ביי אים מיט פלעקן און בלוי.
זיך אַראָפּגעשאַרט פון זיינע קני דער ספר אין טרערן; צעטרייסלט
זיין געביין.
אַ גרויל צו הערן זיין יאָמער און געבעט: רבי, רבי, לאָז אונז נישט
אַליין.
שטראָפּענדע פויסט אויף ברוסט שטיקט ציטערדיקע שטימע: רבי,
מיר האָבן פאַרלעצט דיין קדושה.
אידן, אַ שבועה דאָ אַלע: היטן מיט ריינע פינגער און הייליקער
מחשבה די גרויסע ירושה.
רבי, רבי פון קלעשטשעל: ס׳וועלן מיט דיר זיך גרויסן אביונים און
נגידים.
זיי מוחל, זיי מוחל, אין זכות פון דיינע פאַריתומטע ליבע תלמידים.

עס ציט זיך אויפן ברוק, מיט תמוזדיקער זון, דער לאַנגער קאַראַוואַן.
עמעצער שרייט, אַז צדקה ראַטעוועט פון טויט, און קלאַפּט אין
פּושקע ווי אין אַ באַראַבאַן.

אויפן וועג קיין סאָקאָלע, ביי די בוימלעך מיט הושענות,
בלייבן די ווייבער אין וואָלקנס שטויב, מיט מאָרנע, שטומע טענות.

יואלקע בעל עגלה גיט אַ קלאַפּ מיט דער בײַטש, און דער װאָגן לאָזט זיך געשװינדער.
ער זאָגט, װי גלאַט אין דער װעלט: מירן פאָרן, רבי; מירן פאָרן אַצינדער.

נאָך די אַלע, אַלע יאָרן,
װען דו קומסט מיר, ליבער רבי, אױפֿן זכרון,
דערפֿיל איך אױף מײַן שטערן שטראַלן פֿון דײַן שכינה,
און עס צעזינגען זיך פֿױגלען און פֿעלדער גרינע.
און איך פֿרײ מיך, װי דו אַמאָל, מיט דער ליכטיקער כּלה,
װען מיר פֿלעגן אין דער נײַער שול, זינגען צו איר אַלע.

דער לערער פון לאַטיין

ער קומט נישט אין בית מדרש דער לערער פון לאטיין.
אידן זענען חושד, ער איז אַ כופר בעיקר.
האָט ליב צו קלייבן אין פעלד פארשידענע וואָרצלען און בלעטער.
— האָסטו פיינט די נאטור, קלערסטו זיך אויס פאַלשע געטער,
טענה'ט דער לאַטינער צו די בחורים ביי דער גמרא.
קליינינקע מענטשעלעך זעצן אריין גאָט אין אַ נאָרע.
די קלאָרע מחשבה אָבער באַנעמט אים אומעטום,
ווו וועג איז גלייך און ווו וועג איז קרום;
אין אַ גרעזל וואָס צופט די קאָזע
און אין די פארנאכטיקע הימלען ראָזע.
געווען אַ גרויסער איד; שפינאָזע זיין נאָמען.
האָט פארפלאנצט אויף דער ערד פון אמת דעם זאָמען.
פרומאקעס האָבן מורא געקראָגן פאר זייער נאָרע, און אים פון זיך פאַרטריבן.
שמאָלע מחות געהאַט; נישט באנומען דעם שכל פון זיבן מאָל זיבן.
ס'ציטערט שטעטל פארן לאטינערס גרויסע זינד:
ס'וועט פאַלן זיין שטראָף אויף מאַן און קינד.

ער קומט נישט אין בית מדרש דער לערער פון לאטיין.
אידן זענען חושד, ער איז אַ כופר בעיקר.

אַ געטלעכער פּרינץ

דער רבי פֿון קלעשטשעל גייט אין בית מדרש מיט לייכטן טראָט.
עס שפּיגלען זיך אין זיין פּראַכט מענטש און גאָט.
(ס'איז פּרייטיק צו ליכט בענטשן) זיין גאַנג איז גרינג און איידל.
ריין פֿון וואָכיקייט זיינע בגדים; אַפֿילו פֿון ברילן־שיידל
די קעשענע באַפֿרייט. ס'ווייסע טיכל אויפֿן האַלדז;
ס'איז אַרום אים גלאַנציק און ציכטיק אַלץ.
צוויי טראָפּנס פֿון פֿרישער טבילה פֿינקלען אויף דער באָרד.
גייט מיט גלאַטע טריט און ס'לייכט פֿון אים גאָטס וואָרט.
דערמאָנט אין ארזי הלבנון; איז הויך און שלאַנק.
אַזעלכע מענטשן אויף דער וועלט שיקט גאָט אַלס געשאַנק.

ס'ציט זיך איבערן געסל ס'ווונדער פֿון גאָלדיקער שטילקייט און געטלעכער ליכט.
ס'שמייכלט אַראָפּ שבת מלכה פֿון קלעשטשעלערס געטאָקטן געזיכט.
ער גייט און עס זייט גרוים ליבע זיין פּוס.
ס'שפּרייטן זיך מלאכים און זיין רשות.

פֿון הינטערן פּאַרקן זאָגט יוזעף דער גוי:
כ'וואָלט זיין האַנט געקושט; דער ראַבין איז אַ בוים אין טוי.

דער רבי פֿון קלעשטשעל גייט אין בית מדרש מיט לייכטן טראָט.
עס שפּיגלען זיך אין זיין פּראַכט מענטש און גאָט.

ליבשאַפט און רחמנות

יער לאטינער בעט זיך ביים רבין פון קלעשטשעל:
— וויז מיר, — אדרבה, אין דער גאַנצער תורה אַ שטעל
ס'זאָל מבאר זיין פארוואָס איינער לויפט צום זינד,
און דער צווייטער פון אים אנטלויפט געשווינד?
דער זינדיקער דאַרף רחמנות, ווייל זיין שוואַכער ווילן
איז סיבה פון נייגונג צו שלעכטע צילן.
און שוואַכער ווילן, ווי שיינער בוים, ריינער טייך,
ווי אָרעם און רייך,
ווי מענטש אין גאַנצן, און אין וואַלד דער אף
איז דאָך גאָטס באשאַף.
טו צו וואָס דער נסיון?
ס'וועט שוואַכלינג אין זינד שטענדיק ראָיען.
שטאַרקן רצון אים נישט געגעבן,
קען ער אויף דער ערד קיין גבורה נישט וועבן.
צו וואָס אים שטעלן פון איין פרוו אין צווייטן,
אַז ווייסט פאָרויס, ער פאַלט אין זינד, אין אָנגעגרייטן?
איז צדיק, צדיק טאַקע, צו פשוט שטאַרקער רצון?
ווער אין אים גרויסן ווילן טיפארזייט און געמאַכט שפּראָצן?
ער, אַלץ ער. טאָ ווו דער זין פון צדיק און רשע?
ענטפער רבי פון קלעשטשעל; ס'איז דער ענין מיר קשה.

כ'ווייס נישט; לאָמיר גיין מיין וועג. איך פרעג נישט. איך גלויב.
ס'איז דאָ אויף דער וועלט רחמנות, וואָס מאַכט דעם רויבער טיילן זיין רויב
און ליבשאַפט, וואָס פון שוואַכלינג מאַכט אַ ריז,
און פאַרהיילט אַפילו פון שלאַנגען אַ ביס.

אויף אַלע וועגן שטראָמען ליבשאַפט און רחמנות, —
פאַר קליינינקע מענטשעלעך — הימלישע מתנות.
מער ווייס איך נישט. לאָז מיר גיין מיין וועג.

צען טויזנט, און אפשר נאָך מער

חיים בעקער עפֿנט דעם הויכן שופֿלאָד;
האָט ליב צו ציילן וואָס ער פֿאַרמאָגט און האָט.
זיין פּנים איז פֿארשווומען מיט אַ שמייכל.
פֿילט זיך גרויס, ווי להבדיל אַ כהן ביים היכל.
ציילט די קבלות, טשערוואָנצעס און דאָלאַרן.
גאָלדענע מטבעות טוט ער מיט די פֿינגער לייכט שאַרן.

דעם באַטרעף אין שפּייכלער רעכנט ער אויף אַ באַזונדער פּאַפּיר.
ס׳באַקומען זיך צענער טויזנטער שיעור.
ווען אַפֿילו אַ נדן, און נאָך אַ נדן
וועט עס אויך זיין מערכה נישט שאַדן.
(צווייטנס, איבער צביהלען רייסן זיך התנים אַ סך;
מיט איר וועט זיין לייכט, ווי מיטן פֿינגער אַ מאַך)
מעקט ר׳ חיים אָפּ אַ נדן פֿון פּאַפּיר,
ווערט גרעסער דער סכום, נישט צו גלויבן שיער.

שטעטל איז משער, אַז חיים בעקער זאָל ווען אין אַמעריקע פֿאָרן.
און אַלץ פֿארקויפֿן, הייזער, מעל און קאָרן,
קען ער אָפּנעמען צען טויזנט, און אפשר נאָך מער.

חיים בעקער איילט זיך נישט; כ׳האָב צייט, זאָגט ער; כוועל נאָך
טאָן אַ קלער.

אין פּאָסט

שבת נאָכמיטאָג איז עולם פאַרזאַמלט אין פּאָסט.
מיט אַ לאַנגער שער, וואָס שוין פון לאַנג פאַרראָסט,
שניידט אויף אדאַם *) פּייאַק קאָנווערטן וואָס קומען פון אַמעריקע
און מיט אַ רויטער נאָז און מינעם געהעריקע
גייט ער צו צו די זשידעס ביים פּענצטערל, און ווייזט זיי די טשעקן.
ער געטרויט זיי, פּאַן אדאַם, אויפן וואָרט: נישט שרייבן, שבת, און
נישט מעקן.
ער ווייס דער **) „קעראָווניק" פון פּאָסט, אַז מע קען אידן געטרויען.
לאָזט זיי נישט וואַרטן ווי אין אַנדערע ***) „אורזשאָנדן" — סומנע,
לאַנגע שעהען.
ער ווייס אויך, אַ גוטער בריוו איז פרייד פאַר אַלע:
מ'טראָגט אים מתנות שבתדיקע פיש און גוטע חלה.

טאַטע־מאַמע זענען שטאָלץ מיט די אַמעריקאַנער קינדער;
געטרייע קינדער וואָס מאַכן אָרעמקייט פרייער און לינדער.
אַנדערע גייען אַרוים מיט אַ זיפץ און אַביסל קנאה,
כאָטש נישט געגעסטעט אין לאַפּי האָט צווישן אידן די שנאה.
אַמעריקאַנער קאָנווערטן מיט רויטע זיגלען זענען אָבער אַ
רייצענדער שאָטן;
פאַרגעסענע מאַמעס זאָגן אַרויס אַ וואָרט, וואָס איז טאַקע פאַרבאָטן.

פרייד און טרערן, שבת נאָכמיטאָג, ביי פּאַן אדאַם אין פּאָסט.
אַלץ איז מזל זאָגן אידן, און קוקן אויפן „קעראָווניקס" שער, וואָס
איז שוין פון לאַנג פאַרראָסט.

---

* שיכור
** דירעקטאָר
*** ביוראָס

עקוב הקריאה

יואלטשיכע פארהאלט שבת ס׳ליי׳ענען די תורה.
אויף איר פנים נישטאָ קיין ברעקל מורא.
איז אריין צווישן די מענער, אין וואָכיקע קליידער, און מיט אַ
פאטשיילע.

ס׳ציט איר אויף צוריק און ס׳ווייגט די טאָכטער ביילע.
יואלטשיכע דירט זיך נישט; איז געקומען זוכן יושר.
ווי קען אַ איד, און נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ עושר,
אויפשטעלן אַ פּאַרקן לעבן איר שטוב און איר אויסדראַפּען די אויגן?
פענצטער פארשטעלט און טירן, און מיט פינצטערקייט איר וועלט
פאַרצויגן.

יואלטשיכע שטייט אין וואָכיקער פאטשיילע און בעט יושר
ביים עולם.
שרייט, אַז ס׳וואָלט אַזאַ רשעות נישט געטאָן, אַפילו אַ גוי אין אַ צלם.

אַלץ אין בית מדרש איז מיטלייד און רחמנות.
פּאסקודנע לייט,
האָבן מענטשן געמורמלט ארום,
און דער פנים ביים גביר, אויפן מזרח, איז ביטער און קרום.

יואלטשיכע שטייט אין דער וואָכיקער פאטשיילע און בעט יושר
ביים עולם.
שרייט, אַז ס׳וואָלט אַזאַ רשעות נישט געטאָן אַפילו אַ גוי אין א צלם.

יאַנקל קצב פֿאָרט קיין ארץ ישראל

יאַנקל קצב מיט די אַכט בנים קלייבן זיך צו פֿאָרן קיין ארץ ישראל.
ס׳האָט אים אַ בים געטאָן דער פֿאַסקודנער גלות;
דאָרפֿישע גויים דעם שליטן באַפֿאַלן,
און פֿון יונג געמאַכט אַ ביטערן עפּל.

— פּאַק זיך, יענטע, און קום. אין ארץ ישראל לעבן אידן חי מענטשן.

ס׳האָט אויך צוגעהאָלפֿן די דעלעגאַטקע, וואָס פֿון לעמבערג געקומען.
ס׳שטעטל האָט זיך פֿאַר איר געגרייט מיט ליבע און ברען.
אין דער שולע, וואָס מ׳האָט איבערגעמאַכט פֿון דער דייטשער באָד,
האָט מען ווייס־בלויע פֿענער צעהאָנגען;
פֿאַרצויגן אַ ווייסע פּלאַכטע,
אויסגעשטעלט פֿון ברעטער אַ סצענע,
און פּאַרטיק.
מיידלעך האָבן מגן דודס געניים;
בחורים די אַרבלען מיט לאמפּאסן באַפּוצט;
מ׳האָט געזונגען, געריבן און געוואַשן.
ס׳שטעטל האָט זיך געגרייט מיט ליבע און ברען.

יאַנקל קצב מיט די בנים, — אויף דער ערשטער באַנק.
דער צעמימיתטער זיצט מיט השיבות און דרך ארץ.
האָט יעדע ווײַלע אַ טאָרע געטאָן פּיוויב.
(איר קאָפּ האָט זיך אונטערן שווערן שלאָף געהוידעט.
נעבעך, אַ אויסגמאַטערטע אידענע געווען)

די דעלעגאַטקע, אין אַ שוואַרצן רעקל און ווײַסער בלוזע,
מיט אַ לאַנגן, ברונעטן צאָפּ,
רעדט וועגן ארץ ישראלדיקע גליקן, און פּינקלען אירע אויגן.
— דער עקר וואָס מ'איז דאַרטן אַ מענטש;
אין העלן טאָג צו אין נאַכטיקן שאָטן,
גייסטו מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ,
חי אַ מענטש.

יאַנקל קצב גלײַכט אויס די פּלייצעס.
בײַלט אַ פויסט און שעפּטשעט אין דער שטיל:
ווי אַ מענטש,
ווי אַ מענטש.

די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדלעך:
יאַנקל קצב מיט די אַכט בנים קלײַבן זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אַ ערב פּסח אין אַ ווייטער שטאָט, ווי קיטאָ

ס'איז אומעדיק אַ אידישן וואנדערער, ערב פּסח, אין אַ ווייטער
שטאָט, ווי קיטאָ.
ס'קלינגען אַרום נעמען ווי טשימבאָראזאָ, פּיטשיניצא, באַיאַקא
און אמבאטאָ.
נעמען משונהדיקע אַזעלכע פאר אַ פּוילישן יונגערמאַן, אַ פּאָר שעה
פאַרן סדר.
ס'ווערט פּלוצלונג פרעמד דאָס שפּאניש און אַלץ אַרום, כאָטש נעם
און גיב אַ נדר,
אַז כ'וועל פון אָט דער פרעמדקייט אנטלויפן גלייך מאָרגן,
ערגעץ ווו עס זינגט זיך אַ פּסח אָן זאָרגן.

ס'פירט מיך בענקשאפט צו די גרינע נארעוו ברעגן,
ווו עס זינגט דער פרילינג אויף אַלע פעלדער און וועגן.

אידישע באַלעבאָסטעס מאַכן זאַכן גרייט,
מיט אַלע פינטעלעך און פּיטשעווקעס, ווי אין פּסוק שטייט.
חדר ייִנגלעך האָבן הנאה פון גרינגע, באָרוועסע פיס,
און צילעווען אין גריבלעך יאָדערדיקע ניס.

מיין מאַמע לויפֿט איבערן הויף מיט שנעלן טראָט און ברען.
אירע פֿלינקע פֿינגער זענען אויף יעדן חפֿץ, יעדער זאַך.
ס׳קוק אויף איר און האָב פֿאַרגעניגן גאָר אַ סך.

אויפֿן באַנק, לעבן גאַניק, ליפֿטערן זיך ספֿרים און ביכער.
ס׳וויל מיין טאַטע זיין גאַנץ זיכער,
אַז אַ קרישקעלע חמץ איז נישט באַהאַלטן אין די בלעטער,
וועלכע שטיפֿן פֿריילעך אין ליכטיקן וועטער.

ס׳זידן אין טעפּ גליענדע שטיינער, —
אַן אָנזאָג, ס׳וועט זיין אַ פּסח א כשרער, אַ ריינער.

עס בעזעמען די לייבער פֿאַר אַלע ווינטער טעג די קאַלטע,
אין דייטשער באָד די יונגע, און אין מקווה די אַלטע.

ס׳לייכט ס׳גאַנצע שטעטל מיט ציכטיקייט אָן אַ שיער.
ס׳רעדט אַראָפּ דער ערב פּסח פֿון יעדן פֿענצטער און טיר.

ביי מיינע פֿעטערס די בעקערס, שייערן מיידלעך און יונגען.
(וועגן חמץ נישט געהאַט וואָס צום ריידן בייזע צונגען)
וווּנדער באַווייזן די קינדער מער פֿון צען,
פּונקט ווי ס׳וואָלט אין זייערע הייזער קיינמאָל קיין חמץ נישט געווען.

אויפֿן פֿעלד, לעבן בית מדרש, פֿאַרברענען חברה דעם חמץ.
— זאָג מיר, בחורל, איך בעט דיר, דעם קלוגן טייטש פֿון אַ קמץ,
שטיפֿט פֿישקע שוסטער, מיט דער צעפּאַטלטער גרויער באָרד,
און זאָגט אריין רשעים וואָס נאָר אין קאָרט.

— חברה, חברה, מאַכט גרעסער די פֿלאַמען; מירן פֿאַרברענען גראַבסקעס עגלה.
פֿישקע מאַנצט ארום, און אויף זיינע ליפּן, אָט אַ ברכה, אָט אַ קללה.

לויפט מיט פלינקן טראָט, און שלעפּט פון שייער בערגער היי.
מונטערט שטיפערס מיט זיין איינס צוויי, איינס צוויי.
ס׳קוקן גויים מיט צעעפנטע אויגן אויפן גרויסן פייער,
און פישקע לאָזט איבער אַן היי, יעדע שטאַל און שייער.

באַטש זיך געריממט אַלע יאָטן,
אַז דער שענסטער סדר איז ביי זייער מאַטן,
בין איך געווען גרייט צו שווערן,
אַז נאָר צו אונזערן האָט זיך גאָט צוגעקוקט גאָר גערן.

ס׳שפּיגלט זיך דער טיש אין זילבער און קרישטאָל;
טעלערס און געשיר, אַנטיקן פון אַמאָל.
און דער רחבודיקער היסב בעט און ווייסע סערוועטן;
(אַ ליכטיקערן טראָן וואָלט אַ קייסער זיך נישט געקענט אויסבעטן)
און די שטראַלענדע פּנימער פון פינף זין און פינף טעכטער;
(אויפן אויבער־שטיבל זיצט אַ אויסגעפּוצטער יוזעף דער וועכטער)
און מיין טאַטנס שטראַלענדע באָרד מיט יאָרן און גאָלד.
(צו הערן זיין שטימע וואָלט איך מיט אוצרות געצאָלט).

סאַראַ זיסער פּיין ס׳האָט אין זיין הא לחמא עניא געקלונגען,
און מיט וואָס פאַראַ פרייד ר׳יהאָט די הללויה׳ס געזונגען.
(ס׳האָבן געגנידערט פון הימל טויזנטער מלאכים,
און זיין שטימע געטראָגן איבער ווייטע, ברייטע שטחים)
כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף די חברים יאָטן;
נישט געקענט גלויבן, אַז דער סדר ביי זיי איז ווי ביי מיין טאַטן.

די מאַמע שטראַלט מיט הייליקער שטילקייט פון אַ ווייטן שטערן.
(ס׳איז דאָ אַ ריינקייט וואָס מע קען נישט מער ווי באַגערן).
און ס׳קלינגט אין צעכוואַלעטער ליכטיקייט דאָס ליד פון פרייהייט
און גאולה
און ס׳טראָגט זיך גאַנצע שטוב אין הימלען מיט שמחה אַ פולע.

איך מיין פרעמדקייט אַרום,
איך זיץ אין פיין און שטום,
און קלער,
אַז כ'האָב היינט פון אַ ביכל,
אַ חלום אויסגעשניטן,
מיט אַ גאָלדענער שער.

אַך ווי אומעטדיק אַ ערב פסח אין דער הייטער עקוואַטאָריאַנער שטאָט.
ס'איז היינט מיין וועלט צו שאנד און שפּאָט.

אַז אַ שוחטס אַ זון ווערט אַ שניידער

אַז אַ שוחטס אַ זון ווערט אַ שניידער,
מוז גאָט אָנווענדן זיין שטראָף.

יאנקעלע דעם שוחטס איז פון לאָמזשער ישיבה אנטלאָפן,
און טאטע מאַמע אויף צו להכעיס אַ שניידער געוואָרן.

ס׳האָט שטעטל נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם צער און חרפה.
עליע דעם שוחטס זון (מאמעס אין אים זיך געשפּיגלט)
ווערט גאָר אַ שניידער; זינגט פּאסקודנע, גויאישע לידער.
לויפט ארום מיט שקצים, סטראשעט מיט רעוואָלוציעס,
און מאַכט צו שפּאָט טאטנס פרומקייט און מאַמעס גוטע הארץ.

נאָענט צו פּורים איז יאנקעלע שלאַף געוואָרן.
מ׳האָט ווילטן איינגעלייגט און ס׳האָט נישט געהאָלפן;
נישט קיין דאָקטער און נישט קיין תהילים,
נישט יאנינאָס בלעטער און נישט קיילעס שפּרוכן.
ס׳האָט קיין מענטש און קיין זאך נישט געהאָלפן.

ס׳איז געווען אַ פארשטערטער ערב פּסח.

אַז אַ מענטש שטארבט צו אַכצן יאָר,
אין די שיינע טעג פון חודש ניסן,
איז עס ווייל גאָט מוז אָנווענדן זיין שטראָף,
ווען אַ שוחטס אַ זון אַנטלויפט פון אַ ישיבה און ווערט אַ שניידער.

לאפי האָט פארשטאנען, געליטן און געשוויגן.

אידן מאַכן ברייטער זייער וועלט

דער ווינער פעלדשער רעדט צו אַ בינטל אידן.
(איז אַ גלוח, אָבער אַ מענטש מיט וויסן)
— באַטשאַנעס קענען עסן אַפּילו גלאָז.
די חכמה פון אַ כלב איז אין זיין נאָז.
אין דער ערד זענען דאָ אָדערן ווי ביי אַ מאַן.
פאַרשטעל די אויגן אַ פערד און וועסט אים לייכטער מאַכן אין שפּאַן.

אידן האָבן געקראַצט די קעפּ און געדרוקט די היטלען אויף די שטערנס.

צווישן צוויי בתי מדרשים, אונטער אַ וואַרעמער זון,
מאַכן ברייט זייער וועלט אַ בינטל עין־יעקב אידן.
דער ווינער רעדט ווען קלוגע, נוצלעכע זאַכן.
כאָטש מע הערט זיך צו מיט נייגער, טוט מען די מוחות צאַמען.
— טאַקע אַ איד מיט וויסן אָבער פאָרט אַ גלוח.

זומערדיקע פרימאָרגנס

זומערדיקע פרימאָרגנס:
קלאָרע הימלען, געלע זאמדן
און אַ ווארעמע זון אויף די קלעצער.
אין אַזעלכע טעג איז גוט צום דאַוונען ביים ערשטן מנין.
פּיקוקן אויף מיר אַלטע לייט מיט רעספּעקט.
(דער בחור ווערט אַ מענטש; אויפן דרך הישר פאָרט געקומען).
אין מיינע אויגן ערשטע אנטפּלעקונג פון גאָטס באשאף און זיינע סודות.

אויפן באנק, ביים גרינעם גאניק, רויכערט דער טיקטינער זיין פייקע.
אין שמולעס קוזשניע רויטלען זיך ערשטע פונקען.
אין שטעלער פרייען זיך באַלעבאָסטעס ביי גוטע קי און שוימיק פולע עמערס,
און איך בין ערנסט און שטיל, מיט ערשטער אנטפּלעקונג פון גאָטס באשאף און זיינע סודות.

דער טאַטע לייענט דעם „היינט"; איז מיט איטשעלע שרייבער צופרידן.
די מאַמע גרייט סוואָרעכץ אין טעלער, און אויף איר פּנים רואיקע חכמה שיינט,
און איך בין צופרידן מיט דער אנטפּלעקונג פון גאָטס באשאף און זיינע סודות.

אַלץ און אַלץ איז איינס,
אין זומערדיקע פרימאָרגנס,
מיט ווארעמער זון אויף די קלעצער.

ס'ווערט דער צרור החיים גרעסער און גרעסער

שבת ביי מנחה ווערט פול ס'בית מדרש מיט זכרונות.
מענדל שמש דערמאָנט פאַרגעסענע נעמען.
וויגט זיך פון איין פוס אויפן צווייטן, זיינע אויגן פאַרמאַכט,
און ס'ווערט דער צרור החיים גרעסער און גרעסער.

דער עולם איז שטיל; ס'איז אים גוט אינעם גאָלד פון פאַרנאַכטיקער זון;
הערט זיך צו צו נעמען פון מענטשן וואָס זענען געווען און אַוועק.

גרויס דער זכרון הינטער מענדלס הויכן שטערן;
ס'ווערט דער בית מדרש פולער און פולער מיט שאָטנס און שאָטנס:
גבירים און אביונים, פּראָסטע לייט און למדנים,
און אידן וואָס האָבן געהייליקט מיט גבורה דעם שם.
ביי די לעצטע ווערט מענדלס שטימע שטאַרקער; ער מאָנט; ער רופט.
די שטילקייט ווערט שטילער און גאָלדיקער ס'גאָלד אויף יעדן פנים.

מענדל שמש וויגט זיך פון איין פוס אויפן צווייטן, זיינע אויגן פאַרמאַכט,
און ס'ווערט דער צרור החיים גרעסער און גרעסער.

ס׳וועט מיין שטוב, ווי די שול זיין הייליק

באַלד נאָך הבדלה רופט רב צו זיך שראָלקען דעם גנב.
— שטאָט גייט אויס אין צער. ס׳האָט טויט אַ גאַנצן זומער געקאָסעט.
דיין זינד אויף אונזערע קעפּ, שראָלקע; לויערסט גאַנצע נעכט אין
שאָטן;
דיין האַנט אויף פרעמדע האָב און גוטס. חזיר פלייש אין מויל פון
דיינע זין.
זיי שפּרייטן זנות צווישן בוימער אין די פעדער.
דיין זינד אויף אונזערע קעפּ, שראָלקע. ס׳האַלט טויט אין קלעם
די גאַנצע שטאָט.
ארויף אויפן גלייכן וועג! קברים רייס. צעטרייסל ס׳האַרץ אין תשובה.
אין תענית זאָלסטו שמאַכן. לויטער זיך אין פּיין, און זיי מציל
אומשולדיקע מענטשן.

שראָלקע גנב איז צעשמעטערט פון רבס ווערטער און צער.
ס׳האַרץ ביי אים פאַרלאָפן. שטאמלט אויס „אַ גוטע וואָך רבי״,
און לויפט מיט אימפּעט אהיים.
— נעם אַראָפּ די שבת־דיקע בראָש פון קלייד, דו חצופה.
אונזער זינד אויף אַלעמענס קאָפּ.
און אויף די זין זיך צעשריגן:
— אַ טויט אויף אייערע קעפּ, ממזרים;
תשובה ביי גאָט זאָלט איר בעטן, און זייט מציל די שטאָט.

נאָך האַלבער נאַכט עפנט שראָלקע אַ פענצטער אין בית מדרש.
רייסט אויף דעם ארון קודש און ברענגט אהיים אַ ספר אונטער דער
פּאָלע.
— ס׳וועט מיין שטוב ווי די שול זיין הייליק,
ווי די שול.
— וואָס האָסטו געטאָן, צעכליפּעט זיך ס׳ווייב.
שראָלקע קושט די תורה און יאָמערט אויפן קול:
— זיי מוחל, גאָט, זיי מוחל;
ס׳וועט מיין שטוב ווי די שול זיין הייליק,
ווי די שול.

פראָסטע לייט אין שכינה בין מנחה למעריב

מענדל שמש לערנט פארן עולם בין מנחה למעריב.
פראָסטע לייט די לערנערס ביים לאנגן טיש;
שוסטערס, בלעכערס, בעקערס און קצבים.
ער טרייסט זיי מענדל שמש:
זיין ניגון ווערט זיסער; ס׳שלענגלט זיך לאנגזאם צו אַ גוטן געדאנק.

...כהן גדול מת,״כהן הדיוט ימלא מקומו...
יעדער איד קען דערגרייכן דאָס העכסטע.
ווי אַזוי? קליגט זיך מענדלס ניגון;
במה מחנכים אותו? האַלט ער אָן מיט דער פראַגע;
אוי, אוי, ווערט האפערדיק דער ניגון און פריילעך:
בעבודתו, — דורך אַרבעט און ווילן.

שוסטערס און בלעכערס, בעקערס און קצבים
גייען אויף אין פרייד; הויבן די פּלייצעס,
און חזרן איבער דאָס קלוגע, ערלעכע וואָרט:
בעבודתו, בעבודתו, בעבודתו.

ער טרייסט זיי מענדל שמש,
די פראָסטע לייט בין מנחה למעריב;
און ס׳לייכטן אין שכינה, ביים לאנגן טיש,
שוסטערס, בלעכערס, בעקערס און קצבים.

פישל קצב זוכט אַ פסוק

פישל קצב נעמט מיט צוועלף קאָטלעטן, אַ פלאַש בראָנפן,
צוויי אָנגעגליטע ציגל אין שליטן, אַ ווארעמען פעלץ
און דער ווייבס „זיי געזונט", מיטן צוגאָב „היט זיך, פישל, היט
זיך, קרויין".

אַ ריר מיט די לייצעס, און דער שליטן טוט זיך לייכט אַ צי
אין דער ווייסער נאכט אריין.
ס׳שטייט דער וואַלד אין פראָסט. די רוקנס פון די פערד זענען ווייס.
דער הימל איז ווייס. די ביימער זענען ווייס.

ס׳ציט זיך פאַר די אויגן אַ נאַכטיקע וועלט אין ווייס.
פישל קצב קלאַפט זיך אין פעלץ.
דער עכאָ קייקלט זיך אַוועק ווי אַ פעסל באַרג אַראָפּ,
און קומט צוריק צום שליטן וואָס איז ווייס, און צו די פערד וואָס
זענען ווייס.

פישל גראבלט אין מוח און זוכט אַ פּסוק.
גאָרנישט געפונען. זינגט ער עליע דעם שוחטס ניגון:
...ומפּני חטאנו גלינו מארצנו...
זעט רויטע פונקען אין ווייסער נאַכט.
אַ זעץ אויף אין שליטן און אַ הויב דעם קאָפּ.
...אויף פראָסטיקע וועגן אין וועלדער,
בלאָנדזשען אַרום פארשטויסענע רוחות.
זיי מוטשען פערד און זוכן אַ גלגול.
עס טרעפט עס ציט זיך דער שליטן און שטייט אויף איין אָרט...

פישל לאָזט זיך אַראָפּ טיפער אין שליטן.
גראבלט אין מוח, און געפינט נישט אַ פּסוק, וואָס זאָל עפּעס זיין
ווערט.

זינגט ער ווידער עליעס ניגון;
...ומפּני חטאנו גלינו מארצנו...

די נאַכט איז ווייס. אַלץ איז ווייס.
האָט אין די קאָטלעטן און בראָנפן פארגעסן.
— אַ פּאַסקודנע זאַך זיין אַ פראָסטער יונג.
(דערזעט אַ פּרייטיקצונאַכט אין שול;
די וואַרעמע אויוונס און אָפּגעוואַשענע פּנימער)

— אַ ריכטיקער ניגון איז אַ פרייד,
ווי אין בית מדרש די בליך־לאָמפּן גרויסע.
אַז דו טאַפּסט אָן דעם ריכטיקן פּסוק, — הערט ער זיין קול,
איז ליכטיק דער וועג, און וואַלד איז וואַלד.

פישל קצב איז אין ווייטן דאָרף בשלום געקומען.
ס׳זענען גאַנץ געווען די קאָטלעטן און אַפּילו ס׳פלעשל מיטן
שטארקן בראָנפן.

שעה פֿון שפּאַציר ביים באַן

שעה פֿון שפּאַציר ביים באַן.
זומער, אַכט פֿאַרנאַכט
קרייצן זיך אין לאַפּי דריי באַנען.
ס'קומען מיידלעך אין שענסטן פּוץ.
נעבן דעם שמידס איז בייגעקומען די געקרייזלטע האָר
מיט שלייפֿן און שפּילקעס אָן אַ צאָל.
איז נעבעך מיאוס און נידעריק.
נעבן דעם שמידס זעט אָבער אנדערש דעם שפּיגל.
לויפֿט פֿאַרביי די אַראָפּגעלאָזענע פֿענצטער אין די באַנען.
צוויי חברטעס ביי יעדער זייט;
וואַרפֿט בליקן, און לאַכט.

אַפֿילו צביהלע, די צאַרטע און אומעטיקע, איז אויך ביים באַן;
אויך די לערערקעס, די אַלטע מוידן,
און אַפֿילו דעם רבס טאָכטער, וואָס לערנט אין ווילנער סעמינאַר.
יעדע איינע מיט איר גליכן.
יעדע איינע מיט איר טראָט.
יעדע איינע מיט איר בליק.

אויף בענק, לעבן די גאַניקעס, וואַרטן טאַטע־מאַמע און זיפֿצן:
— נאָכנישט אַרויסגעקומען דערוויל פֿון לויפֿן ביים באַן אַ שידוך.
אנדערע ווידער, וואַרפֿן גלאַט אַזוי צו, כּדי עפּעס צו זאָגן:
ס'איז אַ שטאָט לאַפּי געוואָרן: באַנען אַרויף, באַנען אַראָפּ.

בלוט פון חלוצים

די צייטונגען, אויף וועלכע מ׳האָט געוואַרט ביים ערשטן וואַרשע־
ווער באַן,
האָבן געבראַכט אַלץ ערגערע און ערגערע נייעס.
מ׳האָט באַשלאָסן רב זאָל מאַכן אַ הספּד.
פאַרשוועכט אידיש לעבן אין הייליקן לאַנד,
האָט עולם איבערגעחזרט טויזנטער מאָל.
די ישיבה אין חברון באַפּאַלן; צעשאָכטן ביזן לעצטן קדוש.
אויף בערג און טאָלן רינט בלוט פון חלוצים.
אַ הספּד, אַ הספּד, איז מען אַוועק צום רב, יונג און אַלט.

זיך געשטעלט לעבן ארון קודש, דער קאָלנער.
— וואו דיינע צוזאָגונגען, אל צבאות?
אידישע לייבן זיינען פּגרים אויף הייליקע וועגן.
מאַכסט ס׳געגנאַר פון מוטער רחל און ערליכע נביאים און זעער.
פאַרוואָס פאַרשטעלסטו די וועגן
און פאַרשניידסט די פינגער פון די בויער?

דער עולם האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט.
דער קאָלנער האָט די חלוצים געהייליקט;
לעבן מוטער רחל און די נביאים זיי געשטעלט.

כ׳האָב מיט אימפּעט איבער פאַרקנס געשפּרונגען.
ערגעץ געלאָפן מיט שלאָגענדער האַרץ און צעטומלטן קאָפּ.
זיך ביים נאַרעוו געזעצט, אויפן רויטן הימל געקוקט,
און געפרעגט: פאַרוואָס? פאַרוואָס?

ליבשאַפט איז צער,
ליבשאַפט איז טרויער

מיין סעטער האָט א נייעם מענטש פאר דער בעקעריי געבראכט.
„דער נייער" רעדט וועגן פייגעלעך, בלומען, געטריייע ליבעס און
גלייכהייט צווישן מענטשן.

ביים טיש זיצט ער מיט דרך ארץ און א ריינעם פנים.
האָט וואַרעמע אויגן און לייענט פון גרויסע ביכער.
— פארוואָס אַוועק פון טיקטין, הער יצחק?
(דער „נייער" ס׳וואָרט „הער" ט׳אריינגעפירט אין שטעטל)
יצחק בלייבט שטיל; האָט פיינט פון אזעלכע זאכן צו ריידן.

אויף דער לאַנגער באַנק, ביי דער בעקעריי,
רעדט יצחק צו א כאָפּטע אויסגעפּוצטע מיידלעך;
(ס׳איז געווען נאָכן שפּאציר ביים באַן)
— ליבשאפט איז צער, ליבשאפט איז טרויער.
די פריילנס ווינקען זיך איבער און שמייכלען.

די זעלבע נאכט פעלט יצחק ביים קנעטן ס׳ברויט.
אויף צוטאָרגנס, ביי ערשטער ליכט, ברענגט א פישער די טרויע-
ריקע בשורה:
דעם פאן איציק, ביים נאַרעוו געפונען, מיט א דורכגעלעכערטן
שלייף.

אויסגעהויבן ס׳האנט אויף זיין לעבן, מורמלען די ווייבער.
און ס׳טראכטן די מיידלעך:
מסתמא נישט אומזיסט געזאָגט,
אז ליבשאפט איז צער, ליבשאפט איז טרויער.

שבועות

כ'האָב ליב געהאַט דעם צאַרטן גלעט פון גוטן זומער,
וואָס ס'פלעגט אין שטעטל, אויף זיינע פליגלען, דער שבועות ברענגען.
כ'פלעג אויפן גאניק גרינע בלעטער צעהענגען,
כאָטש נישט געווען ווי נחום שלמהס, א אינגל מיט פאות און א פרומער.

אָבער וואָס האָט עס צו פרומקייט, צו פאות און די נחום שלמהס?
אז ליב געהאט האָב איך די פעלדער אין שבועות צייט,
אַ וועלט אין גרינס, וואָס האָט זיך געצויגן ברייט אַרום און ווייט.
(כ'פארשטיי נישט, עד היום, ווי האָט דער שמש פאָרטירט אין אזעלכע טעג זיינע שמות)

ס׳רעכנט אָפּ זיך דער נארעוו פאר די לאַנגע ווינטער מאָנאטן,
און שפּרייט זיך, מיט פרייד און ליכט, פון פראָסטיקן קלעם א באפרייטער.
אויף צופרידענע פערד מאכן אינגלעך קונצן ווי די בעסטע רייטער,
און מיט א געשריי „כיוועל דערציילן״ יאָגט זיך נחום שלמהס נאָך די יאטן.

ווען מאמעס פאָרען זיך ביי די קיכלעך מיט קעז,
זענען חברה פארנומען ביי די פוכלע נארעוו ברעגן.
שפּרייטן גרינעם בלושטש פון טייך אויף אלע וועגן.
גוים הייבן די פּלייצעס און דרייען מיט די נעז.

„שבועות, שבועות, אַ יום טוב אַ גרינער;
אידעלעך אין ארץ ישראל האָבן געהאט פעלדער שיינע;
די וואַסערן אין ירדן זענען קלאָרע און ריינע,״ —
לערנט די קינדער זינגען, הער מאָזעס גייגער, דער ווינער.

ס׳ליכט גאַנץ שטאָט אין גרינס.
ס׳שמעקן מיט ריחות פון ווייטע פּרעריעס.
אַפילו דער אומעטיקער רבי און נחומקע שלמהס.
און איך קלער היינט, צעבראָכן ווי איך בין, אז ס׳וועט שווער זיין דאָס לעבן אָן זיי און אָן גרינס.

אַ מעשׂה מיט אַ הייל

ס'איז דאָס שטעטל מערעץ געגאַנגען ווי אויף רעדער.
אין קאַמף אַרײַנגעוואָרפן האָבן זיך רבֿ און בעדער;
אַלט און יונג, גבֿיר און קבצן; אויך משה־יקע דער גאַרבאַטער,
און אַפֿילו „יאָסל קאָפּ", מיטן אײַביקן קאַטער.
אַמעריקאַנער עצה, האָבן מענטשן געשריגן,
סײַ אין דער שול, סײַ להבֿדיל, סתּם ווײַבער בײַ די חיגן.
— רי הערליך איז טאַקע גבֿיר, נאָר אויספֿירן וועלן מיר,
ווײַל יעדע זאַך אויף איר פּלאַץ, און כּבֿוד האָט אויך אַ שיעור.
די עצה פֿון דאָלאַרן איז דאָך נישט צום באַשרײַבן.
מיר זענען מענטשן פֿרײַע, נישט קיין סטאַדע צום טרײַבן.

זיך גענומען דער כעס האָט זיך אין מערעץ דערפון:
דער פאַרשטאָרבענער הערליך האָט געהאַט א רייכן זון
אין אמעריקאַנעם לאַנד, ווו עס קיניגט דער דאָלאַר.
איז דאָרט א גביר געוואָרן, כאָטש ר׳איז אוועק א גאָלער.
דער יונגער גרשון הערליך האָט מערעץ נישט פאַרגעסן.
ר׳איז קיין גוי נישט געוואָרן און חזיר נישט געגעסן.
כאָטש געהייסן האָט ער דזשאָרדזש אין קאָלאָמבוסעס מדינה,
איז ער געבליבן א איד, אָן א גויאישער מינע.

דזשאָרדזש האָט מערעץ געהאָלפן מיט א ברייטער, רייכער האַנט,
און מציל געווען ס׳שטעטל פון גרויס אָרעמקייט און שאַנד.
אין קאָנווערטן מיט שטעמפּלען, געשיקט דורך „פּאָלעצאָנע",
זענען געגאַנגען טשעקן, וואָס האָבן פון סכנה
נישט איין מענטשן געראַטעוועט. ס׳איז מערעץ אין פיין געווען,
און דאָס האָט מיסטער הערליך קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרזען.

איינמאָל איז א לאַנגער בריוו פון מיסטער דזשאָרדזש געקומען,
און ס׳איז דאָס גאַנצע שטעטל געבליבן ווי באַנומען;
בויען אויפן גוטן אָרט האָט דער מיסטער באַשלאָסן
אַ הייל ווי פאַר אַ צדיק, פאַר זיין פאָטער ר׳ נתן.
האָט כ׳שטעטל געענטפערט, ניין! טאַקע א ערלעכער איד,
פיינער באַלעבאָס געווען און ס׳תהילים טייער געהיט;
אָבער א הייל צו האָבן, ווי עס פּאַסט פאַר א גדול, —
דאָס נישט, ווייל מען פאַרקויפט נישט הייליקייט פאַר א נאָדל;
פּונקט ווי מערעץ וואָלט א מארק פון קדושה ביים פאָלק געווען.
מעג אפילו דער מיסטער אָנשיטן מיליאָנען צען,
וועט שטאָט אויף דעם נישט איינגיין. — עס איז א חלול השם,
האָט יאָסל קאָפּ געשריגן. — מעג ס׳שטעטל אויסגיין אין קלעם,
האָט משה׳קע דער גאַרבאַטער אויך זיך געקאַכט אין דער זאַך.
ער האָט געווישט דעם קאַטער, און געטענה׳ט גאָר אַ סך.

און מערעץ האָט באַשלאָסן כבוד נישט צו פאַרלעצן:
אַ קדיש צו הייליקן, אַ תהילים־איד צו שעצן;

יעדן מענטשן לויט זיין חלק, לויט דער חכמה פון זיין וואָרט,
סיי אין לעבן, סיי אין רו, און קלוג איז דער וואָס ווייסט זיין אָרט.

כבוד האָט א שיעור, א מאָס, ווי יעדער קנין זיין ווערט,
און אין א שטאָט ווי מערעץ וואָס האָט למדנים געמערט,
אויך צדיקים און מפרשים, קען נישט גלאַט אַ ר׳ נתן,
האָבן א מאַרמאָלנעם הייל, ווייל זיין זון האָט באשלאָסן.

מע האָט דעם רייכן הערליך די זאך געלאסן דערקלערט:
אז אַ געקויפטער כבוד האָט נישט דעם ריכטיקן ווערט;
אז א איד ווי ר׳ נתן וועט שטארק ליידן אין זיין רו,
אויב בויען וועט מען דעם הייל, אויב עס זאָל קומען דאצו.

ס׳טעגלעך ברויט פון יונג און אַלט, האָט ס׳שטעטל געשטעלט אין קאָן,
ווייל הייליקער פון לעבן איז פון גאָטס תורה דער טראָן.

ס׳האָט דער רייכער מיסטער דזשאָרדזש פיין צעגלידערט דעם ענין.
שטאָלץ מיט מערעץ זיך דערפילט, ווי מיטן רייכסטן בנין.
אין נאָענטן טעמפל אַוועק, אַ תהילים געזוכט אין שאנק,
און ווי אַמאָל ר׳ נתן, האָט ער געטראַכט לאַנג, גאָר לאַנג.

דער ערשטער העברייער

חיים גאַלערס זון האָט אָפּגעדרוקט וויזיט־קאַרטן,
און אויפן גלאַנציקן פּאַפּיר דעם הארטן,
האָט זיין נאָמען, אין בלוילעכע אותיות זיך געלייענט אַזוי:
„אלתר יוסף גל־אור", און די כונה דערפון — וואָס ווינציקער גלות,
וואָס איז גרויער פון גרוי.

ס'איז בחור געווען דער יום טוב אין סאַמער וואָך.
האָט אויפגעלויכטן אין שטעטל, אויף די דעכער מיט מאָך,
ווי די גוטע זון פון אידישן לאַנד.
א פאַרגעניגן געווען שמועסן מיט אים באַנאַנד.
מ'האָט אין א גרויען טאָג בלויע הימלען דערזען;
געריטן אויף אַ מויל־אייזל, ערגעץ אויפן וועג קיין בית לחם;
אָדער גאָר אין מלחמה געווען און געהאַקט קעפּ פון יונים;
צי ערגעץ אין די שפּאַלטן פון הרי יהודה געזעסן,
נישט געטרונקען און נישט געגעסן;
געלאָפן פון עקיבא צו בר כוכבא, מיט סודות און באַפעלן,
וואַרטן אויף א צייכן פון אל צבאות און די מינוטן צעלן;
אָדער אַרויפלויפן אויף די ברייטע טרעפּ פון הייליקן הויז,
און אין בוזים, א ווייס טייבעלע, אָן א בלויז.

איבערגעלעבט האָט א אינגל אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן
אויב ס'פּלעגט אים אלתר יוסף פאַר זיין חבר מאַכן.

געווען א בחור א פראכט;
נישט איין מיידלס הארץ נאָך אים געשמאכט.
זיין לשון — שטענדיק באזאכט און ציכטיק.
די גלעזער פון די איידעלע ברילן, תמיד ריין און ליכטיק.
דרוקט אין צייטונג א שיר נאָך א שיר.
נישט אומזיסט געווען שטעטל׳ס יוגנטלעכער ציר.

הייבער רעדן איבער ביים שבתדיקן טיש,
ביים פאנאנדערטיילן די שמעקעדיקע פיש:
ווי קומט אזא איידלקייט צו חיים גאלערס א קינד?
אין אַזאַ פיין, און אַ יתום דאצו, זאָל אויסוואַקסן אַ בחור, ממש אָן
אַ זינד.

געווען איז ר׳ חיים א איד אן אָרעמאן.
נישט פאר קיין אידן געדאכט ס׳ווייב פארלאָרן, אונטער די רעדער
פון ביאליסטאָקער באן;
און ווייל זיין אהבה צו דער אישה איז געווען נישט צו דערציילן,
האָט קיינער זיין גרויסן ווונד נישט געקענט מער פארהיילן.

אין דער יוגנט געווען א איד א ברען.
אויך וונדער באוויזן מיט דער פען.
נאָכן אומגליק זיך באהאָפטן מיט גאָט און זיין תורה.
געוואָרן שטעטלס גרעסטער למדן; נישט געקענט אָבער פאַרגעסן
אין זיין דבורה.

מ׳האָט געזאָגט, אז אלתר יוסף׳ס איידלקייט איז פון זיין מאמען;
אז זיינע מנהגים און מאנירן פון איר מוזן שטאמען.
האָט געגעבן שיעורים אין לשון קודש און געשיכטע.
געווען בקי אין אלע גדולים; גאונים ווי שפינאָזע, קאנט אָדער
פיכטע.
אויף ווייסער וואנט אין זיין צימער האָבן געהאָנגען בילדער פון
פאָעטן און שרייבער.
מ׳האָט געפילט דער בחור קלערט נישט אין נארישע ענינים, אָדער
ווייבער.

פאַר די ארץ ישׂראלדיקע חלוצים גיט ער אַוועק ס'לעבן.
טענהט צו שילער: נישט דער עיקר די שׂעהען ביים רבין.
— גלות העם איז שרעקלעכער שימל און פּיין.
לאָמיר אויפגיין צום הייליקן לאַנד און טרינקען זיין ווייַן.

אלתר יוסף רעדט אַריין אין שמש, אויפן שבתדיקן הויף,
ער זאָל מ'שברך מאַכן דעם גרויסן אידן, ר' בנימין זאב.
ברענגט אַראָפּ ערשטן רעדנער; אַ וווּנדערבאַרן דרשן.
— וואָס קומט מיר אַרויס פון די שיינע פעלדער און רויטע קאַרשן,
פון יידישע מילן און רייכע זאַוואָדן,
אַז כ'זע זיי אויף פרעמדע זאַמדן, נישט אויף ישׂראלים באָדן.
אַזוי וועגן ענין ציון האָט דער שליח גערעדט.
אלתר יוסף צופרידן זיינע באַקן ט'געגלעט.

ערב יום כפור זעצן זיך אויס ביי טעלערס מיט „גאולת הארץ"
שטראַלנדיקע יונגען, מיט מינעס פון אַ רייכן פּריץ.
אלתר יוסף שפּרייזט, הין און צוריק, פון שוועל ביז הייליקער וואַנט,
און קוקט מיט פאַרגעניגן אויף די טעלערס, מיט זלאָטעס ביזן ראַנד.

מענער און ווייבער גיבן גאַנץ גערן;
צו אלתר יוסף'ס רייד דאַרף מען זיך צוהערן.

וועגן זיין ליבע ווייס איך, — אַז ס'האָט איבערגעלאָזט אין שטעטל
אַ הייליקן ציטער.
ס'חלומט נישט פון אַזעלכע ליבעס אפילו דער איידלסטער ריטער.
די אויסדערוויילטע, נישט עפּעס אַ מיידל וואָס פאַרברענגט מיט
פויערים אין קראָמען.
צום גרויסן צער, אָבער, האָבן צוקונפטיקע מחותנים דעם זעלבן
נאָמען.
צביהלע איז דאָך די טאָכטער פון חיים דעם בעקער,
און ווען אפילו צווינגען ביידע ר' חיימס מיט שאַרפע העקער
וועלן זיי צו אַ חתונה דערלאָזן, האָבנדיק דעם זעלבן שם,
און ווען אַפילו וויסן, אַז יעדעס קינד באַזונדער זאָל ס'גאַנצע לעבן
פינצטערן אין אַ כאַטע פון לייַם?

אמות, נישט קיין דין מסיני; אַ מנהג בישראל קען אָבער אייזן ברעכן,
און מיט זייער האנדלונג טוען טאטעס די קינדער ווי מיט שפּיזן שטעכן.
פרייטיק צו נאכט גייט דער בחור אין בעקערס הויז.
איז שיין און איידל, ווי אַ מזרחדיקע רויז.
— גוט שבת, ר׳ חיים און קינדער! מ׳קען זען צביהן? (ווישט דאָביי די ברילן)
אויסגעמאטערט הויזגעזינט זיצט ביים טיש דעם שטילן.
דער ענטפער, כאָטש אַ מידער, קלינגט מיט ליבע, אויף ליפּן פון ברייטשטשען דער מאמען;
— גוט שבת, אלתר יוסף; קומט אריין, מירן טרינקען טיי אַלע צוזאַמען.

דער בחור לייענט אַ דערציילונג פאַר גאַנצער משפּחה, פון צייטונג „היינט".
צביה גלייכט אויס אירע מיידלשע פּלייצעס, און איר פּנים שיינט.
ר׳ חיים און זין שאָקלען מיט די קעפּ; אויף זייערע אויגן איז דרימל שווער.
ברייטשטשע די מאַמע גיט אָפּטמאָל אַ שלוקערץ; אלתר יוסף לייענט אַלץ מער און מער.

הערט אויף; זאָגט שטיל: ס׳דערמאָנען מיר אין רות דיינע בלאָנדע האָר.
(בעקער און זין כראָפּען גאַנץ שטארק)
— אויגן ווי דיינע מסתמא געהאַט, בלוי און קלאָר.
צביהלע, צארט און בלאָנד, ווי אַ בלום אין פעלד,
איז פול מיט חן. זי זאָגט: אלתר יוסף, — לאָמיר פאָרן זען די וועלט.
ברייטשטשע די מאַמע גיט אַ הויכן שלוקערץ; משפּחה גיט זיך אַ כאַפּ.
אלתר יוסף גיט מיט זיינע פינגער אין טיש אַ איידעלן קלאַפּ.
געזעגנט זיך מיט צביהלען און מיט אויפגעוועקטע פון דרימל.
גייט אַרויס, און קוקט לאַנג, לאַנג אויפן בלאַסן הימל.

חיים בעקער ברענגט צביהלען פון גרויסער שטאָט שיינע שיך
און אַ שאַל אַ רויטן.
פּילייזדט דאָס קינד; אייזער אין אלתר יוסף׳ן צו פאַרגעסן, בעסער
זיך טויטן.

צביהלע, שיין ווי אַ שפּעטע בלום אין סעפּטעמבער,
טרייבט פון זיך דעם רייכן אַמעריקאַנער, אין זיין ברענטש דער
חשובסטער מעמבער.
— איר האָט מיך פיינט; איר ווילט מיך פאַריאָגן.
צעוויינט זיך און ס׳שניידט ביים האַרץ איר ביטערער קלאָגן.

אלתר יוסף איז אַפּט אין וואַלד. זיך שרעקלעך געקלעמט.
זעט אויס ווי אַ נזיר אין זיין סלאַוואצקי העמד.

אַ שיינעם פרימאָרגן גייט אלתר יוסף אַוועק פון שטעטל.
ווערט פאַרפאַלן ווי אין האַרבסט אַן אָראָפּגעפאַלן בלעטל.

מענטשן זאָגן, ער געפינט זיך ערגעץ לעבן קרינקע,
און פאַרנעמט זיך דאָרט מיט די סאַמע לינקע.
אונזער מגיד, וואָס שפּרייזט אויף אַלע וועגן, ר׳ ברוך וועקער,
שרייט, אַז די מעשה איז שטות און אַ גרויסער שקר.
אלתר יוסף, זאָגט ער, איז ביים דאַוונען יעדן פרימאָרגן,
און פאַר בנין האַרץ טוט ער פיל זאָרגן.
האָט אַ ווייב און אַ טלית.
די אישה אָבער איז אים נישט צום האַרצן. מאַכט פול ס׳געסל מיט
אירע יעלות.

גיי און גלויב ר׳ ברוך וועקער, אָדער מעשות וועגן לינקע.
ווען ס׳וואָלט געווען ווער צו פרעגן, כאַפּ איך מיך אליין צו אין
קרינקע.
כ׳וואָלט אלתר יוסף׳ן אין וואַלד ביי אַ ספר געטראָפן, ווי אַמאָל
צוריק מיט יאָרן.
ר׳וואָלט בלי ספק אויף צביהלען זיך געפרעגט. מיר האָבן דאָך
אַלע געלעבט נישט ווייט פון קאָרן.

פון גאולת הארץ גערעדט, און בכלל, וועגן ציכטיקע ענינים, און ער וואָלט, ווי תמיד פאַרענדיגט: ס׳וועלן נאָך פון ישראלן זיך לערנען זיינע ביטערסטע שונאים.

פערציק יאָר ביי דער תורה

פערציק יאָר האָבן זיי ביי דער תורה פארבראכט:
ר׳ ראובן ראש ישיבה, — ווי אַ חכם געטראכט,
און שפּרינצעס צעלייגער, „לייב יאנקל גראָבער קאָפּ",
אַ איד מיט אַ סך באָרד, נגינה און שטארקן טראָפּ.

ביים קאכליאָוון אויוון און געלע חלב ליכט,
אין קלויז וואָס אין מערעץ, אַ שטעטל מיט געוויכט,
האָבן ביידע לערנערס אין תלמוד זיך געגרויסט,
און מיט פיל חריפות, ווי צוויי שטראָמען געברויזט.

און דער מערעצער קלויז האָט געבליצט אין יחוס.
עס איז חכמה געווען אין פשוטע שיחות.
אַ שטאָט פון חריפים און פייערדיקע קעפּ.
למדנים געקלעטערט האָבן אויף הימל־טרעפּ.

און די תהילים־זאָגער, גאַנץ פשוטע אידן,
האָבן אין פאַרנאַכטן, זייער שכל דעם מידן,
מיט עין יעקב געשטארקט. אויף מערעצער וועגן
נישט געדאַרפט האָט אַ איד, אַ דין קיינעם פרעגן.

ס׳איז אין מערעצער קלויז גאָנס תורה וואך געווען,
סיי ביינאַכט, סיי אין דער פרי. אידן און מער פון צען,
האָסטו טרעפן געקענט אין דער גאָר שפּעטער שעה,
צו ביי תהילים זאָגן, צו אויפן תלמוד דנאָ.

ווער, אָבער, די בעסטע? נישט געטראַכט וועגן זייגער?
ראובן, דער ראש ישיבה, און לייב יאנקל צעלייגער.
און מ׳פלעגט אָפטמאָל הערן, אין דער גאָר שפּעטער נאַכט,
לייב יאנקלס זיסע שטים: איך טראַכט, ראובן, איך טראַכט.

גערופן צעלייגער האָט אים ס׳שטעטל מערעץ.
ס׳וויב, אָבער, געוווסט ווי אים אָפּגעבן דרך ארץ.
אין שניט־קראָם האט שפּרינצע געארבעט און געזארגט.
דער מאַן האָט געלערנט; ס׳ווייב געליען, געבאָרגט.

נישט באַקלאָגט איר מזל האָט שפּרינצע די גוטע ווייב.
נישטאָ אַ סך מענער, ווי מײנער צווישן לייט.
אויפֿן הימל מיט אים, כּיוועל ווי אַ שטערן שיינען,
פלעגט זי צו גאַנץ מערעך, מיט שטאָלץ אַ סך טענהן.

און ער איז דאָך טאַקע געווען אַ איד אַ גוטס.
אַזאַ לייב יאנקל קרוין, צווישן מענער אַ טוק,
וועסטו נישט געפינען. אויגן גוטע, קלאָרע,
און זיין זיסע שטימע, — רייבטום אַ כּפּרה!

אַ חריף אַ גרויסער איז ר׳ ראובן געווען.
האָט גרעסטע למדנים געשטעלט אָפּטמאָל אין קלעם.
אַן עקשנות־בערדל און גאָר לאַנגע פּאה,
איז ער געווען דער טרייסט פון זיין חנה לאה.

א כח אַ גרויסער האָט אין זיין גוף געלעבט.
ר׳האָט צו פולער חכמה דורך התמדה געשטרעבט.
געקענט צוואנציק שעה זיצן ביי די ספרים.
אַ קליין ישיבה געהאַט און געלעבט גאַנץ אָרעם.

— וויים איך וואָס, גראָבער קאָפּ, שרייט ראובן ראש ישיבה;
האָסט פארגעסן, לייב יאנקל, אוי, רבי עקיבא;
כּיברענג דיר גלייך אַ באַווייז; וואָס האָסטו זיך פארטראכט?
לערנען, פאַרשטאָפּטע קאָפּ, דאַרף מען רואיק, באַזאַכט.

און ר׳ ראובן הריף קאַמט זיין שפּיציק באָרד.
כּ׳בּליצן זיינע אויגן און ס׳איז גאָר שטרענג זיין וואָרט.
— אַ איד זאָל נישט וויסן, נאָך פערציק, לאַנגע יאָר,
אַז מע קלערט צוזאַמען, ווען מע לערנט אין פּאָר.

גרויסער מופלג מיינער, ווו איז דיין זכרון?
— שריי נישט, ראובן, שריי נישט. איך האָב פיינט דיין צאָרן.
ביזט טאַקע אַ חריף; כ׳קען, אָבער, באַווייזן,
אַז ס׳איז אויך מיין מימרא שטארק ווי גוטער אייזן.

און אַזוי געטענה׳ט האָבן זיי פערציק יאָר, —
פון גאָט אויסדערוויילטע, אַ למדנישע פּאָר,
אין ווינטער, צו זומער,ביים קאַכליאָוון אויוון.
ס׳איז אויף זיי אין שטעטל נישט געווען קיין מבין.

עס קלינגט נאָך זייער וואָרט ערגעץ אויף די וועגן;
און עכאָ פון דורות, פון אידישע שטעגן.
זכרונות ווי פלאַמען, אין מיין חרובין לעבן.
צו זייערע קוואַלן וועל איך אייביק שטרעבן.

בלוט און עקשנות

בלוט און בלוט,
ווייל ס'איז שווער צו זיין אנדערש,
אין אַ וועלט פון בראַנד און רציחה.

עקשנות, געטלעכע עקשנות,
ווייל ס'איז איבער־מענטשלעך און דערהויבן
וועלן זיין אנדערש,
אין אַ וועלט פון בראַנד און רציחה.

נישט געוואָרנט האָט קיינער

ווו ביסטו געווען צוריכטער פון ווילדע פייגן,
ווען ס׳איז פאָלק צו שפּאָט געווען, ווי חיות אין די שטייגן?
ווו געווען דער נביא און זאָגער פון גאָטס געבאָט,
ווען מ׳האָט ישראלן געשפּאָלטן, ווי אַ וואָרעם דער שווערער טראָט?

נישט געוואָרנט האָט קיינער, ווי אַמאָל, אין די שומרון־טעג,
אַז ארויפּברענגען וועט גאָט אויף אַלע לענדן טרויער־זעק,
און אַ פּליך אויף יעדן קאָפּ, און אַ הייסעריק אויף יעדער תבואה.
ס׳האָט אומה געטריקנט, און געדאַרט אונטער פעלזן די נבואה.

נישט קיין זעער און נישט קיין פירער, און פאַרגליווערט אַלע
שטראָמען.
זיי וועלן אויף גיך די ווונדן וואשן, און צוריקגיין אין די קראָמען.

ווו דער מאַן פון הינטער דער שאָף,
מיט זיין ציטער, מיט זיין שטראָף?

כ׳האָב געהערט דעם קינדס נבואה

א צוועלף יעריק יינגל האָט אָפּגעדרוקט א ליד אין דער „גאזעטא זשידאוווסקא", אין די שווערע געטאָ טעג, אין וועלכן ר׳האָט געבעטן, נבי איש, מ׳זאָל שפּאָרן יעדן אוי, יעדן קרעכץ.

אין דער געטאָ, אַ קינד אַ נביא איז געבוירן,
און איך הער, עס זאָגט:
איר זאָלט שפּאָרן דאָס געוויין;
ס׳וועלן נאָך פֿאַלן קעפּ אין שטעט,
און ס׳וועט זיין אַ קלאָג אין יעדן טויער.

איר זאָלט די טרערן שאָנעווען,
ווי ברויט, ווי פּערל,
ווייל ס׳קומט אַ טאָג,
ווי אין מיל אַ שאַרפע ראָד,
וואָס ס׳וועט קערפּער שפּאַלטן,
און ס׳וועט קיין מאַמע איר קינד נישט אויפהאַלטן.

איך וויל אייך זען רואיק און שטאַרק,
ווייל ס׳וועט ישראלס בלוט נאָך רינען,
אויף יעדן וועג און יעדן מאַרק.

גאָט וויל אייך זען מיט געדולד און גלויבן,
און ער גאַרט נאָך אַ קרבן פון ריינע, גוטע טויבן.

און איך האָב געהערט אין מײַן אויער זײַנע ווערטער:
מען וועט יאָגן מײַן פֿאָלק ווי אַ חיה אויף אַלע ערטער.
און איך וויל נישט אַ טויט פֿון ווערים,
אויף אַלע שטעגן פֿאַרטריקנטע געדערים.
דער מעסער אויף אײַער לײַב זאָל זיך ווי אויף פֿעלזן ברעכן.
כ'וויל אײַער בלוט זוי טוי אויפֿן פֿעלד.

און ער ט'מיר דאַריבער אײַך געהייסן זאָגן:
איר זאָלט קאַרגן, ווי היינט דעם ווייץ און וואַסער,
יעדן קרעכץ, יעדן אוי,
ווײַל איך פֿאַרצוקן וויל יעדער צאָן, יעדער גוי.

זײַט דעריבער שטאַרק און גרויס,
אין וואַרשע, קראָקע און אומעטום.

און ס'האָט גאָט צו מיר געזאָגט:
איך קום צו אײַך, איך קום.

קינדערלעך פון פוילן

אַז ס'וועט מיך אין אייך דערמאָנען,
רחלע און שׂראָליקל, קינדערלעך פון פוילן,
וועל איך זיבן מאָל שטאַרבן,
שטאַרבן אין יסורים.

ס'וועלן געטער טעמפּלען ברענען,
און מענטש זיין רוקן שפּאַלטן,
אַז זיי וועלן אין אייער טויט זיך דערמאָנען,
רחלע און שׂראָליקל, קינדערלעך פון פוילן.

מיט הימל און מענטש ווי זאָלן מיר לעבן?
זיי האָבן אייך פאַרצוקט מיט בייזע ציין,
רחלע און שׂראָליקל, קינדערלעך פון פוילן.

אויף דיינע ביינער, מיינע טרערן

זי טראגט דעם טויט אויףביידע הענט.
אין אירע אויגן חושך שטומער.
איר שארבן עקבערט קינדס געשריי.
זי איז גרעסטער חורבן אויף ערד און הימל.

פינקלענדיקער מעסער, לעצטע „מא״,
אויף אירע הענט, אין שיין פון זון.
— נעם עס, — אידענע, טראָג זיך,
זאָגט זאטע רציחה מיט פיס אין בלוט.

איובס וואָרעם פארצערט איר לייב.
נישט געוואָלט האָט קיינער זען איר פיין:
נישט גאָט זיך פארטראכט,
נישט מלאָכים געוויינט.

כ׳וויל אַ טייל פון דיין צער,
אידישע מאַמע, ווייסטער שטיין.
אויף דיינע ביינער מיינע טרערן,
וועסט אייביק לעבן, אייביק לעבן.

לולינקע, לולינקע, אייגעלעך צוויי

לולינקע, לולינקע, אייגעלעך צוויי.
קאַלטע לבנה און אַ גאָלדענע איי,
געבראַכט האָט אַ ציגעלע
צו רחלעס וויגעלע.

שלאָפינקע, שלאָפינקע, מיידעלע דער מאַמעס.
ס'וויינט ביים מעריב דער אַלטער שמש.
פראָסט וועט ברענגען אַן עפּעלע אויף אַ טעלער,
צו רחלעס וויגעלע אין צעבראָכענעם קעלער.

מאַמע וועט זינגען רחלען אַ ליד.
אויף קאַלטע וועגן דעם טאטנס טריט.
שיקן וועט ער אַ פּערינקע פון טרערן;
גאָלדענע פישלעך און רויטע מערן.

אַ חלומל, אַ חלומל פּאַר רחלען דער קליינער.
רויטע נעכט, טויטע ביינער.
קיכעלעך און טרויבן פון גן עדן,
קינדעניו א מתנה פון שיינעם זיידן.

זילבערנע גלעקלעך, פייגעלעך צען.
טאַטע וועט היינט דעם הימל זען.
אויף מיידעניו מיט בלומען וועט ער וואַרטן,
און שלאָפן וועט רחלע אויפן שטיין מיין האַרטן.

לולינקע, לולינקע, אייגעלעך צוויי...

קינדער אין אַ קרייז

אויף פראַנציסקאַנער 27, האָט יחיאל למדן, אַ איד מיט אַ
פאַרקוואַרטן פּנים, אַ בינטל קינדערלעך דערציילט,
(זענען אַרום אים אין אַ קרייז געזעסן) אַז עזריאל צדיק האָט
אויסגעהיילט,

פאַרגאַנגענעם מיטוואָך ביינאַכט, 13 קרעציקע גויים;
אַלע פון זיי, שלעכטע, גרויסע רשעים.

זענען געקומען, יעדער איינער מיט אַ גרויסן שטעקן,
און געשריגן צו ר׳ עזריאל: נעם אַראָפּ פון אונז די פּאַסקודנע פלעקן.
ביזט אַ זשיד און זשידעס מיט בערד קענען אַלץ באַוויזן,
און אויב נישט, וועלן מיר דיך טויטן מיט אַ גראָבן אייזן.
אייער שוויענטי מאָיזעס איז געווען ערשטער היילער פון קרעץ,
און מיר זעען גאָטס גייסט אין דיינע אויגן,
און דו ביזט נישט אַ אידישער ליץ.
דעריבער זאָלסטו וויסן, אויב וועסט אונז אויף דער מינוט נישט
אויסהיילן,
וועלן מיר דיין זשידאָווסקי לייב ווי אַ ציבעלע צעשיילן.
און מיטוואָך ביינאַכט, דערציילט ווייטער ר׳ יחיאל,
האָבן דייטשן אויף גאַנץ גענשע אידן צום טויט געשלעפּט,
און קיין שטוב נישט פאַרפעלט.
צדיק עזריאל איז אין זיין קעלער געזעסן, און מיט גאָט בלחש
גערעדט.
אַרום איז געווען חושך; אַ מענטש האָט געגוססט אויף אַ צעבראָכן
בעט.

ס׳האָבן געגאַפֿט קינדערלעך פֿאַרוויאנעטע: אי, ווי מאָדנע, גויים רשעים היילן פֿון קרעץ.
ווען איך בין עזריאל צדיק, זאָגט שלמהלע, וואָלט איך זיי מיט אַ שטעקן געגעבן אַ זעץ.

און ביי גאָט געבעטן, כוחות אַ סך,
ווייל גויים רשעים האָבן סטאַטעשי דערהרגעט, ביים תנך.
איז שטיל געוואָרן; ס׳האָט זיין פּנימל שוין לאַנג אַזוי נישט געפּלאַמט.
דערנאָך צוגעגעבן, אַז ס׳טאַטעשי פֿון גרויסע צדיקים געשטאַמט.

אָ ניין, רייסט רחלע קוויטשיק איבער, פֿאַן וולאַדעק פֿון דער פּיוויאַרניע אונז אריינגעבראַכט קאַרטאָפֿל אַ טאָפּ,
ווען צוויי דייטשן מיט כחות געריסן ביי מיין שוועסטער דעם צאָפּ;
האָבן דעם פֿאַן יוזעף מיט דער שוועסטער געשאָסן;
ס׳איז זייער בלוט אויף מיינע הענט נעכטן געפֿלאָסן.

אוי, אוי, ווייל גויים רשעים היילן פֿון קרעץ, צעוויגט זיך דער קרייז.
זאָלן גויים רשעים ליגן אין מייז און לייז.
זיי וואַרפֿן אידעלעך אין פֿייער,
פֿאַרברענען זיי אין יעדן שייער,
און דערנאָך זיי קומען צו די גוטע אידן,
אַ היילונג בעטן, און סטראַשען אין קייטן צו שמידן.

נאַרישע גויים,
מיאוסע רשעים,
וויגט זיך קרייז אין אַ ראָזן פּלאַם.

ר׳ יחיאל למדן די באָרד זיך געקאַמט,
און געשוויגן.
געקוקט אויף די הילצערנע שטיגן,
אויף וועלכע ס׳האָט געגלאַנצט ר׳ עזריאלס בלוט.
— ניי פֿאַרשטיי דעם צדיקס וועגן, וואָס ער דענקט און וואָס ער טוט.

ס׳זינגען אידישע קינדערלעך מיט הונגעריקע שטימעלער:
משה רבינו געווען דער ערשטער היילער;
אַ גוי איז אַ רשע, אַ גוי איז אַ קיילער.

אויף פראנציסקאנער 27 קלערט ר׳ יחיאל למדן וואָס יתומים־לעך צו דערציילן,
און פארקווארטע קינדערלעך נישט געהאט מער אָן אָפּגעקאָכט קארטאָפל צו שיילן.

פאַר מיין זינעלע אַ דאָרן, אַנשטאָט אַ ווייסע רויז

ס'איז די זון פאַרגאַנגען;
שטילע קלאַנגען, שטילע קלאַנגען.
און ערגעץ אויף די קברים,
זאָגט אַ איד: איך בין אָרעם, איך בין אָרעם.

אויפן הימל רויטע שטיקער,
און עס פרעגט ווער און עס פרעגט:
גאָט, גאָט, וואָס איז דער עקר?
זאָג, זאָג, וואָס איז דער עקר?

דער עקר, אידעלע, דער עקר,
פון בלוט נישט ווערן שיכור.

אַ אידעלע מיט אַ ווייסער באָרד,
האָט ערגעץ פאַרבאַלטן אַ טרער אויף אן אָרט,
פאַר מיין יינגעלע, ווען זיין וועט ער שוין גרויס,
און פאַר מיין זינעלע אַ דאָרן, אַנשטאָט אַ ווייסע רויז.

ס'וועלן קומען שלעכטע טעג,
און אויף דער ערד טויזנט, טויזנט שלעק.
אָבער ליבעלע וועט נישט וויינען,
ווייל ס'דאַרף דער גוי נישט מיינען,
אַז אַ אידיש יינגעלע האָט טאַקע מורא.

און אַז איך וועל שוין מער נישט זיין,
וועט ליבעלע, יינגעלע, אויף מיין קבר זיין דער שיין.
ס'וועלן פאַסנעס וויינען אונטערן רויטן פייער,
און ס'וועט מיין זון אַ טרער פאַרבאַלטן, ערגעץ לעבן שייער.

אַ אידעלע בויט אַ שטיבעלע

ווילט איר קינדערלעך וויסן,
וואָס אידעלעך אויף דער ערד געניסן?
טאָ הערט זשע אַ מעשה אַזאַ,
נאָר שטילער, שטילער, שאַ.

ס'האָט אַ מאַמע געגעבן אַ קינד,
אין אַ נאַכט מיט רעגן און גרויסן ווינט,
צוואַנציק שטיינער און פופציק ביינער,
פאַר אַ שטיבעלע, — נישט איינברעכן זאָל עס קיינער.

ס'האָט קינד געבויט און געבויט,
ביז פּנימל ביי אים אַזש געוואָרן רויט.
און ס'איז אַוועק אַ נאַכט, און ס'איז אַוועק אַ טאָג,
און יאָרן אַ סך, מער פון אַ שאָק.
און ס'האָט ווינט ס'שטיבעלע געריסן,
און ס'איז קינדערלע, זאָלט איר וויסן,
אַן אלטער איד געוואָרן,
און געבויט און געבויט גאַנצע יאָרן.

און ס'זענען זאַכן מאָדנע געשען.
איינמאָל געזאָגט האָט אַ ביין:
לאַנגע יאָרן וועט שטיבעלע שטיין, שטיבעלע שטיין.
מיין מאמעס טרערן האָבן באַצירט מיין וויגעלע.
בוי, בוי, אידעלע, אידעלע.

און אויך אַמאָל געטראָפן,
אַז געריכט זיך האָט אַ שטיין,
אַז אויף אים דווקא געשלאָפן,
יעקב אבינו, דער אַלטער איד,
און פון בויער פאַרלאַנגט אַזוי:
מאַך מיך פאַר דיין שוים,
ווייל איך בין גרוים,
ווייל איך בין גרוים.

און פלוצלונג, אין איין קול, זיך צערעדט אַלע שטיינער.
מיר זענען פון טרערן פיל ריינער, ריינער.
בלוט אויף אונז ווי אויף אַ מזבח;
פון די בעסטע בלומען אונזער ריח.
מיר ווערן בליען, מיר ווערן בליען.
ס׳וועט ווערלט פאַר אונז מיט ליבע קניען.

עס בויט, עס בויט אַ שטיבעלע אַ קינד,
פון צוואַנציק שטיינער, אָן פופציק ביינער.
און ס׳איז נאָך רעגן, ס׳איז נאָך נאַכט.
שטיבעלע, אָבער, ט׳נישט געקראַכט,
נישט געקראַכט.

אַלע אידעלעך װעלן פּרינצן װערן

ס׳װאַנדערט אַ קינד אויף לײַדיקע פעלדער.
ריחות פון אָסיען און סאָסנאָװע װעלדער.

ס׳ברענען אין שטעטל מער פון צװאַנציק גאַסן.
ס׳פאַלן שטיקער לײַבער, געשניטן אין פּאַסן.

ס׳קלאַפּט דאָס הערצל, ס׳איז שװאַרץ די נאַכט.
מאַמע צעבלוטיקט, אָן כּחות, אָן מאַכט.

אַ װאָלף, אַ בער, ס׳װאַנדערט דאָס קינד.
געזאָגט האָט דער זיידע: אַלע האָבן זינד.

מענטשן אויף װעגן, ס׳איז אינגעלע נישט אַליין.
ס׳ליגט בײַ יעדן הונט אַ אידישער ביין.

ס׳װאַנדערט אַ קינד אויף זיבן פערד.
חענט האָבן געריסן בײַ אידן די בערד.

אין גן עדן זענען דאָ ביידלען מיט סכאך.
קינדערלעך זוכט מען פאַרן פייער אַ סך.

װאַנדערט ס׳ייִנגעלע, אויף אייגעלעך אַ דרימל.
יאַנקעלע איז נעכטן אַװעק אין הימל.

אויף זילבערנע פליגל פליט אַ שטערן.
אַלע אידעלעך װעלן פּרינצן װערן.

דער רבי האָט דערציילט, אַז מיט טויזנטער יאָר,
האָט אַ איד אין פייער נישט פארלוירן קיין האָר.

אין קאַלך־אויוונס קינדערלעך גייען צו גאָט,
און שפּילן זיך דערנאָך אין אַ גרינעם סאָד.

וואנדערט אַ קינד אויף לידיקע פעלדער.
ריחות פון אָסיען און פאָסנאָווע וועלדער.

לעצטע שעה אין געטאָ

נישט געוואָלט אין שטעלער ליגן;
נישט געטיילט מיט ווערים לעצטע שעה.
אויפגעפלאקערט האָט יעקבס שטאָלץ,
און גרויס מיט גאָט געווען ס׳געראנגל.

נישט געוואָלט גאָטס צייכן פארשווייגן.
ווי אַלטער שמשון, חיות מיט נעגל געפליקט,
און טומאה ווי לייבן געטראָטן.
דורך פּיין און בלוט,
געשטאלט פון מענטש אויף אייביק דערהויבן.

ביים סוף,
איבער וויסטע געטאָס,
האָט זיך צעפלאטערט שוואַרצע באָרד:
מיר האָבן, אָ גאָט, דיין נאָמען געהייליקט.

דער טויט פון זלמן בעקער

ס׳איז קלאָר ווי אָט דער ווייסער שניי,
אַז איך פֿאַרשטיי דעם זין דערפֿון; איך פֿאַרשטיי.
און אמת ווי אָט דער מויער, —
שטומער עדות פֿון ישׂראלס טרויער,
אז דו ווילסט מיר זאָלן כּחות אויפֿסניי פּרובירן,
און אז אנטלויפֿן פֿון נסיון איז אין היסטאָריע קראַפּירן.

ווילסט, הייסט עס ,איך זאָל דיך נאָכאַמאָל באַזיגן.
האָסט פֿיינט מענטשן וואָס ציטערן ווי ציגן.
דווקא אין מיין גוף ווילסטו פֿון דער גאַנצער וועלט אַלע כּחות,
און ס׳גייט דיר נישט אין צאָל, נאָר אין איכות.

כאָטש מיך דערשלאָגן, זאָל איך דיר גלויבן.
(ס׳דערמאָנען זיך מיר די מרגלים מיט די שטאַנגען טרויבן)

דורך מיין טרויער און חורבן, די גליענדסטע פון אלע מגילות
און דורך תפילות מיינע שטילע,
הילסטו אָנפילן מיט גבורה דיין וועלט און באשאַף.
הייל אויף ערד זיך געפּלאָדיעט א בייזער ערב רב,
און ווייל נאָך יעדן מבול קומט דער גוטער אברהם,
זאָל איך דער בעסטער ווערן און דיך רעטן פון תהום.

פעלדער פרוכפּערן מיט מיין לייב, מיט מיין ביין,
און אויפסגיי הייליקן דיין גרויסן שם.
גארסט צו וויסן, צו פון עקיבאָם פייער איז עפּעס אויף דער ערד נאָך פאַרבליבן,
אָדער פון יענע גרויסע וואונדער, ווי חנה מיט אירע קינדער זיבן.

הייסט עס, צו איך, ר׳ זלמן פון גענשע גאַס,
וועל טראָגן צו דיינע פיס דעם בלוטיקן מס.
זאָג איך דיר, אַז איך, אַ מענטש אַ פּשוטער,
נישט אַ זון פון קדושים,
אַ איד אַ זקן קרוב צו תשעים,
בין שטאדקער פון דער האק,
און פון ביקס דעם קנאַק.
און בייגן מיך וועל איך טאַקע נישט;
און קוק נישט אויף מיר מיט רחמנות; כ׳האָב מיך אין טרערן נישט געוואשט.

געווען א זון פון בעקערס, און מיינע פינגער יעדן טאָג דעם טייג געקנאָטן.
רבי עקיבא, זאָגט מען, איז ביז פערציק געווען אין שאָטן.
פון אים ביז מיר, פון נעכטן ביז היינט, איז איין שפּאַן.
די זעלבע עקדה, פון דאָרטן ביז אַהער, און פון גענשע ביז כנען.

צו וואָס די גאַנצע חקירה?
ס'איז אַ גלייכער געדאַנק ווי מיין רבינס ווירע,
וואָס האָט געפּאָכעט פאַר מיינע אויגן.
שאַרף און קלאָר, ווי אברהמס מעסער און דער־בליאסק פון ווייסע
טויבן.

ס'האָבן די רוצחים געטענהט, אז יודע זלמן איז חסר דעה.
נישט געקענט ארויסרייסן זיין שמייכל, כאָטש גיב אים שמיץ א מאה.

און איידער ביקס האָט געקנאלט,
האָט ווי אַ אויפגייענדער ליד זלמן'ס וואָרט געשאלט:
דער נצחון איז מיינער; ביים ראנד פון הימל באַזיגט דעם שקר.
אזוי איז ר' זלמן געשטאָרבן, אויף גאַנצער גענשע דער בעסטער
בעקער.

זי האָט ליב געהאַט די פוילישע ערד

מיר האָבן זיך עס ביידע נישט פאָרגעשטעלט, מיט צען יאָר צוריק,
ווען מיר פלעגן גיין צום אייז און ס׳פלעגן פינקלען אויף אונזערע
פלייצעס די שטאָלענע גליטשערס.
אויף צוריקוועגס, ווען זשעראָמסקי און מיצקעוויטש גערעדט.
האָסט ליב געהאט די פוילישע ערד, און אויף אלעיע יעראָזאָלימסקע
געשמועסט ביז שפּעט.

ס׳האָט מיך געצויגן דיין אידישער פּנים און ברונעטער צאָפּ.
האָסט געחלומט וועגן ערד פאַר יעדן איינעם, און געשאָקלט אויף
יאָ מיטן קאָפּ.

כ׳דערמאָן מיך דיינע שמאָלע פינגער און ליבע צו שאָפּענס אומעטיקע
טענער
(און דו פלעגסט גראדע טענה׳ן, אז ברייטע פלייצעס האָבן נאָר
פוילישע מענער)

כ׳וועל נישט פֿאַרגעסן דיין גרויסע ליבע צו פּוילישער ערד.
מיט גאָלדענע חלומות די נשמה וועגן איר גענערט.

ס׳פֿלעגן אויפֿלייכטן דיינע אויגן ביים צויבער־וואָרט פֿון שלום
צווישן איד און גוי.
מיר וועלן דערצו קומען, פֿלעגסטו זאָגן, מיט עקשנות, כאָטש
וועלט איז פֿינצטער און גרוי.

ס׳האָבן דיך אַמעריקאַנער גליקן נישט געלאָקט.
ביים שיף די שוועסטערס געזעגנט, און די מאַמע האָט געקלאָגט.

זיך פֿאַרטראַכטן און גאַנץ רואיק זאָגן:
כ׳האָב ליב וואַרשעווער גאַסן און לאַנגן דאָרפֿישן וואָגן.

געבליבן און געחלומט וועגן פֿאַרברידערונג פֿון איד און גוי.
האָסט אָנגעקוואָלן פֿון פּוילישע נעכט און פֿעלדער אין טוי.

שווער געווען זיך עס פֿאָרצושטעלן מיט צען יאָר צוריק,
ווען מיר פֿלעגן, אין זאַנפֿטער שטילקייט, אַראָפּקוקן אין ווייסל פֿון
פּאָניאַטאָווסקיס בריק.
ווער האָט געקענט פֿאָרויסזען, אַז אין דיין וואַרשע וועט עס געשען?
כ׳וויל בעסער קלערן, אַז ס׳איז אַלץ נישט מער ווי אַ וויסטער
חלום געווען.

זי איז דאָך ווילד, די אידענע

די האָר אין פּויסטן, שוים אויף ליפּן,
פֿילויפֿט פֿון שטוב מיין מאַמע.
דריקט צו זיך שטעכיקן צוים;
— זע וואָס זיי טוען, שמואל־שמחה, הארציקער מיינער.

— זי איז דאָך ווילד די אידענע,
לאַכט אַריין אַ ברוט אין שוימיקן ביר.
און אויפֿן געלן זאמד,
צייכענען בלוטיקע צונגען,
גלאַנציקע שטיוול אין אַ שכורן טראָט.

דער לעצטער אַוועקגיין

זי האָט אליין נישט געוואוסט צי זענען עס ווערטער אויף די ליפּן
גערוען, צי פֿאַרנעפּלטע, שטומע געדאנקען.
ס׳זיינען געבליבן הענגען עכאָס פֿון געשרייען;
דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן, ווי נאָך ארויספֿירן אַ מת.

— אויף וואָס ווארט איך דאָ, א פֿארגאפּטע? אויף א נס?
אַ מאדנע שטילקייט אַזאַ, חזרט זי איבער עטלעכע מאָל.
כ׳וועל אַ קוק טאָן אַרום הויף, און דערנאָך זיך לאָזן צום טאָל.
זי האָט עפּעס געגראַבלט אין האַרבסטיקער ערד, אויפֿן נאָענטן פֿעלד.
פֿלענער אומפֿארשטענדלעכע געמאַכט, וועגן זריעה, צו גאָר וועגן
א נייעם געצעלט.

— א מאָדנער אוועקגיין. צום ערשטן מאָל ווי איך גיי זיך אוועק,
אָט אַזוי, גלאט אַזוי.
האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויפֿן הימל וואָס איז
געווען אין אַ טיפֿן גרוי.

— אַט גיי איך זיך אַוועק, ניט זאָרגנדיק זיך וועגן פּייער אין פּליטע,
אָדער וועגן עסן פֿאַר די קינדער;
נישט איך ווייס צי די הינטערשטע טיר פֿאַר די הינער
איז פֿאַרמאַכט, און צי ס׳איז דאָ גענוג פּאַשע פֿאַר די רינדער.

אַ מאָדנער אַוועקגיין, האָט זי געמורמלט; אויף מיינע שונאים.

נו, וועל איך גיין קיין ביאַליסטאָק. כ׳קען דעם וועג. כ׳קען אים.
24 קילאָמעטער. וויפֿל מאָל איך נחת געפֿאָרן?
דעם מוזשיקעס אין דער העברייאישער גימנאַזיע לעקעכער געפֿירט.
פֿאַר שכר לימוד דעם ביסן פֿון זיך שפּאָרן.
אַ שטיפֿער געווען. זיין נאָז געמאָסטן אָן מיינער, און לאַכן
פֿון אונזערע ברייטע נעזער.
ליב געהאַט צום לערנען; געווען אַ גרויסער לעזער.

24 קילאָמעטער; אַז מע גייט דערגייט מען.
ערשטנס צום בריק, ביים נאַרעוו, און דערנאָך וועט שוין גאָט זען.
(ביאַליסטאָק מיט די שיינע מצבות אויפֿן אידישן בית־עלמין
און די האַרציקע תפילות פֿון נייעם חזן, ר׳ קלמן)

דאָרט רוט דאָך מיין שמואל־שמחה קרוין; ער וואָלט עס נישט
איבערגעטראָגן.
אַ צו ווייכע האַרץ געהאַט; נישט געקענט הערן אַ מענטשן קלאָגן.
ס׳איז גוט צו אים דער טויט געווען; איז אין צייט געקומען.

האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף לאַפּי, און צום גיין זיך גענומען.
— אומפֿאַרשטענדלעכע די וועגן פֿון השם יתברך.
זיי האָבן דאָך געטראָטן אזא נשמה ווי ר׳ חיים׳ס, וואָס איז ריינער
פֿון ריין.
נו, יאָ; ביאַליסטאָק איז נישט ווייט, און ווייט וויל איך גאָרנישט
אַוועקגיין.

מע וועט נאָך צוריקקומען; נישט שטענדיק וועלן מענטשן ווי חיות
ברומען.
ס'וועלן נאָך ביי מיין גאניק ווידער וואקסן די שענסטע בלומען.

ס'איז שוין כמעט נאַכט געווען, ווען מיין מאַמע איז אָנגעקומען
צום בריק,ביים נארעוו.
אמאָל אין אָט דער שעה פלעגן צו אירע פענצטער דערגיין קלאנגען
פון אַ פארשפעטיגטן מעריב.

אַז איך וועל צוריקקומען

אַז איך וועל צוריקקומען צו די ברעגן פון היימישן נארעוו,
וועלן זיבן פייגלען, צו דער צייט פון מעריב,
זוכן די בית מדרש וואנט,
(האָבן ליב געהאַט פּיקן דאָס האָלץ אין פארנאַכטיקער שעה)
און ס׳וועט פון ערגעץ א פולע, שווארצע קראָ,
אַראָפּקוקן צו מיר, מיט טרויער אַ זאַטע.
און כ׳וויים נישט פארוואָס, נאָר כ׳וועל זיכער קלערן וועגן דער
ציגעלנער קליאטע,
ביי וועלכער כ׳פלעג זיך, אין זומערדיקע טעג, פאָרן אויפן הויף.
און אַ קול וועל איך הערן: שמואל שמחה, כ׳האָב שוין היינט
איינמאָל געמאַכט אַ קויף;
פיש און אייער, א נחת צו קוקן...
פלוצלונג וועט שטיל ווערן; איך וועל איינבויגן דעם רוקן.
כ׳וועל זוכן אויף דער ערד:
זאָל זיין אַ זאך פון אַ קליינעם ווערט;
אפשר איז דאָך עפּעס געבליבן.
מיר האָבן דאָך דאָ געלעבט מער פון יאָר זיבן מאָל זיבן.

אַז איך וועל צוריקקומען צו די ברעגן פון היימישן נארעוו,
וועט זיין אַזוי שטיל, ווו מיין טאטנס הויז איז געשטאנען,
פונקט ווי אַמאָל אויף די נאָענטע לאָנקעס, בין מנחה למעריב.
סיוועלן זאנגען אויפן פעלד זיך כוואַליען מיט אַ גאָלדענעם וויי:
מיר האָבן זיך מיט טויט ביז זאטקייט גענערט. ווער ביזטו,
פרעמדער? גיי זיך, גיי.

אַלץ ארום וועט זיין מיט גרינס און גאָלד, שיין און שטיל,
און איך וועל האָבן פון טרויער און פרייד אַ מאָדנעם געפיל.
און גאָט וועט צו מיר ריידן, קיל און געהיים:
איך האָב פאַר מיר דעם אָרט געאַרבט, פאַר מיין פראכט, פאַר
מיין היים.

די לעצטע תפילה

זיי האָבן מתפלל געווען צום לעצטן מאָל,
אין בית מדרש, ביים נארעװ, וואָס אין טאָל.
ס׳איז אַ מוראדיקע תפלה געווען.
אויף יעדער באַנק, יעדן שטענדער,
דיקע ליכט, ווי צו כל נדרי,
און ס׳געוויין האָט זיך געטראָגן איבער ימים און לענדער.

ווייסע קיטלען און שבתדיקע טליתים,
געלויכטן אויסטערליש ווי מתים.
אַ בית מדרש ווי אַ כוואַלענדער וואלד,
אונטער אַ שטורעם, וואָס ברויזט און שאלט.

אויך קינדער האָבן זיך געשאָקלט מיט ברען.
פאַרשטאנען עפּעס גרעסערס ווי טויט דאַרף געשען.
און די ווייבער, און די זקנים, און אַלע, און אַלע,
זיך געגרייט ווי טאטע־מאַמע צו דער חופּה פירן אַ כלה.

זיך געהייליקט אַלע אין ליכט און טרערן.
ס'האָט זיך גאָט געשפּיגלט אויף יעדן שטערן.

ס'האָבן זיך גופים פאַרוואַנדלט אין נשמות;
זיך געקריגט און געבענטשט מיטן אלטן אל נקמות.

און ביים נאַרעוו, אין בית מדרש, וואָס אין גרינעם טאָל,
האָט גאָט געזוכט און נישט געפונען אַ ריכטיקע שאל
פאַר נשמות, ווי זומערדיקע הימלען, שיינע און קלאָרע,
און ס'איז ערגעץ אַוועק אל צבאות מיט טריט גאָר שפּאָרע.

און אַז זיי זיינען געקומען מיט ביקסן און ווילדער יובע,
האָבן די נשמות שוין אין דער ווייט געשוועבט, אין געטלעכער
מנוחה.

ס'האָבן הינטישע מיילער זיך צעבילט: פאַרפלוכטע ווערים,
פאַרפלוכטע ווערים;
ס'איז דאָך טויטער ביין און טרוקענע געדערים.

אַ מתנה דער ערד

אין אַזאַ פאַרנאַכט ווי היינט
האָט דיין פיין געשיינט,
ווי אָפטמאָל דער פרומער פנים,
פון מיין טאַטן, וואָס איך דערמאָן אים,
היינט מיט דיר צוזאַמען,
ביידע אין טיפע, ברייטע ראַמען.

כ׳האָב דיך געזען, אידישע טאָכטער גוטע,
ווען ס׳האָט פאָלק ווי אונטער אַ דלוטע,
זיך געשפּאָלטן און געברעקלט.

איך האָב דיך געזען אַזוי אויסטערליש רואיק, ווי אָפטמאָל מיין מאַמען,
און פרעג, אין פרייד, פון וואַנען טעכטער אַזעלכע שטאַמען,
מיט אַ קרוין פון דערנער, וואָס היילקט און שיינט?

האָסט געטראַכט וועגן וועגן גלייכע און וועגן קרומע,
ווי דיינע מאַמעס פרומע,
און צו די שפּיצן זיך דערהויבן פון מענטש און עקרה,

און צו גאָט געזאָגט, אויב לעבן איז נאָר צוזאַמען ביידע.

אונטער אַ רויטער זון,
אויף פרייער ערד,
האָב איך היינט דיין טרער פאַרזיימט,
און דיין שטים געהערט:
איז טאַקע אידיש גורל טרויער אָן אַ מאָס?

ס'האָט זיך געבענטשט מיט דיר די ערד.
האָסט איר געגעבן די גוטע זריעה,
פון וועלכער, ס'האָט אין ימי בראשית, א יונגער גאָט געקלערט.

אין טעג אַזעלכע ווי היינט,
און אויף אייביק, אייביק,
וועל איך דיך קושן אין מיין בלוט,
אידישע טאָכטער פרומע,
און ס'וועלן מיט דיר בליען, מיט דיין גלוט,
אלע דערנער און שטיינער שטומע.

חלומות פון אַ הונגעריקער מאַמע

פאַרוואָס איז פּלוצלונג שטיל אַזוי געוואָרן?
כ׳האָב מיך פאַרטראַכט אין חלומות פון אַ הונגעריקן מענטש.
פאַרוואָס זאָל איך, אייגענטלעך, די ווערטער שפּאָרן?
עס זיינען חלומות פון מיין הונגעריקער מאמע —
דער ערלעכסטער מענטש.

פאַרוואָס איז פּלוצלונג שטיל אַזוי געוואָרן?
סאַרא גוטע שטילקייט, סאַראַ חלומות זאַטע.
ארום ביאַליסטאָק, פעלדער ברייטע, מיט קאָרן,
און מיין מאַמע, מיט טריט אַזעלכע גלאַטע,
לייגט ברויט גאַנצע זעק,
אויף וועגענער וואָס לעבן איר פאָרן.

ס׳איז שטיל געוואָרן, און איך טראַכט אין חלומות פון אַ הונגעריקער
מאַמע.
יעדער שטיין אַרום ביאַליסטאָק טריפט מיט האָניק און מילך.
און מיין פעטער זשאַמע,
שפּאַצירט מיט גאָלדענע שליסלען אין גערטנער פון וויין.
מענטשן פרעגן: מען זאָגט ס׳איז אַמאָל אַזאַ וואָרט ווי פיין געווען;
וואָס איז פיין?

אך ווי שטיל, ווי שטיל;
זי חלומט אַזוי זיס און שטיל.
קלאָרע ווייסע מעל פון גוטער שמולעס מיל.
חלוֹמות פון אַ הונגעריקער מאַמע:
מע זאָגט ס׳זענען אמאָל קרעמאַטאָריעס געווען; ס׳איז א ליגן
מסתמא.

אידן טראָגן סאַמעט און זייד.
געלע לאַטע; וואָס איז אַזוינס?
מן פון הימל באדעקט האָט דעכער ביז ווייט, ווייט, ווייט.
סאַראַ זיסע קלאַנגען,
גאָט און איד איז איינס; איז איינס.
חלומות אזעלכע פון א הונגעריקער מאמע; אויף א הילצערנעם
פערדל אַ אידיש קינדעלע רייט.

פאַרוואָס איז פלוצלונג שטיל אַזוי געוואָרן?
כ׳האָב זיך פארטראכט אין חלומות פון א הונגעריקן מענטש.
פאַרוואָס זאָל איך, אייגענטלעך, די ווערטער שפּאָרן?
עס זיינען חלומות פון מיין הונגעריקער מאמע —
דער ערלעכסטער מענטש.

ס׳וואָלט מיר אפשר בעסער געוואָרן

מיט א שווארצער טוך וואָלט איך די שפּיגלען באדעקט,
און ווי מיין טאַטע אויפן דיל זיך געזעצט.
א חלב ליכט אין האַנט,
און דעם קאָפּ צום אַלטן ספר געבויגן.

דעם חושך־ווינקל מיטן מדבר־גאָט געטיילט,
און מיינע טרערן און זיינע אויפן זעלבן שטיין געגאָסן,
און ס׳וואָלט מיר, אפשר, בעסער געוואָרן.

מיר וועלן לעבן

מיר וועלן לעבן

ברידער אין בלוט דערטרונקענע, זוכט גאָט און לעבט.
לאָמיר אַ ווונדער שאַפֿן פֿון טאַנץ און שירה,
און קאָוועט דעם נצחון דעם גרויסן איבער הימל, וועלט און טרויער.
עס וועט נאָך פֿרייד, ווי דער טוי פֿרוכפּערן אונזער יצירה.

נישט פֿאַרלאָשן איז דער סנה, און ס׳וועלן נאָך קלינגען דודס געזאַנגען.

מיר וועלן לעבן! מיר וועלן לעבן!
און היינט ווי אַמאָל, —
מאַנדלען אויף די מדבר שטאַנגען.

ברידער, אין בלוט דערטרונקענע, זוכט גאָט און לעבט.

איך דאַנק דיר, גאָט

איך וואָלט היינט געקענט פאַרפאַסן תפילות מאָדנע אַזעלכע...
— איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר אָט דעם שטערן,
וואָס פינקלט איצט אין מיין שויב.
און פאַר די מערן, אָט די רויטע,
וואָס ווילן אין אויער מיר דערקלערן,
אין אַ רואיקן, צארטן לשון,
אַז דאָס לעבן איז אויף אייביק נישט אויסגעלאָשן.
— איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר די רויטע מערן און פינקלנדע שטערן.

און אויך אַזאַ מין תפילה וואָלט איך היינט פאַרפאַסט:
אַ דאַנק, אַלמעכטיקער, וואָס כ'האָב מיט שום אויף די ליפּן נישט געצאָרנט,
כאָטש נישט קיין נביא און נישט קיין זעער האָבן אין צייט געוואָרנט,
אַז ס'וועט ישראל זיין צו שאנד און שפּאָט.

און אַז איך רייד בלחש איצט מיט דיר, איז עס אויך דיין גענאָד,
און פאַר אָט די אַלע גאָבן,
איך דאַנק דיר, גאָט.
איך דאַנק דיר, גאָט.

כ׳וויל אַ טרייסט, הושע

כ׳וויל אַ טרייסט, הושע, מיטן געשמאַקן קלונג
פון דיין רייפער, הייסער צונג.
זאָג מיר, אַז גאָט וועט צו ישראל זיין ווי טוי,
און ס׳וועט נישט מער אין זיינע קעלטער זיין גרוי.
אַז מיר וועלן בליען, און די צווייגן שפרייטן,
און ברכות פון פעלד אויף די טישן גרייטן.
אַ טרייסט וויל איך, הושע, מיט דיין מענערישן לשון,
וועגן גוטע טעג, ווי וואַרעמע בעטן, און אויבסטן פולע קאָשן.

כ׳האָב אין פּיין געקאָוועט מיין וואָרט

אין פאַרצווייפלונג, פּיין און טרויער
האָב איך געשמידט אַ ליד פון גלויבן,
אַ ליד פון מאָרגן, אַ ליד פון בויער;
פון שטרויענע דעכער און ווייסע טויבן.

אין בלוט פון קאַמף מיט בייזער חיה,
אין העלישן בראַנד און נעגל פון טויט,
האָט גאָט מיר אַנטפּלעקט אַ נבואה אַ נייע,
און מיר האָבן צו זיך געגעבנט אין טעג פון שרעק, אין טעג פון נויט.

איך וויל זינגען דאָס ליד פון באחרית הימים,
פון גלויבן אין לעבן און ליבע צו גאָט;
פון איינפאַכן ברויט און גוטן איש תמים,
פון אַרבעט און שלום און פרומען געבאָט.

כ׳בין שטאַרק געוואָרן לעבן מיין ברודערס געביין.
מיין ברעם ארויסגעצויגן ביים חורבן פון וועלט;
געקאָוועט גאָטס וואָרט אין צאַפּל פון קינדער־געוויין,
און גרויס געוואָרן אין מיין מאַמעס הונגער און קעלט.

איך וויל זינגען דאָס ליד פון ישעיה׳ס שפּעטערדיקע טעג.
הייליק איז די נבואה וואָס איך דאָ היינט פאַרשרייב.
כ׳בין צו איר געקומען דורך שטעכיקע דערנער און שווערן וועג,
און דורך צער פון קרומען צלם אויף שוועסטערס לייב.

גאָט פון מעסער האָט מיך געראַטעוועט כּדי דאָס ליד צו זינגען,
און אײַך צו זאָגן: ס'וועט מענטש, ווי הימל, אייביק לעבן.
און אַלע גלאָקן איך וועל קלינגען:
גרויס איז די מתּנה, וואָס ס'האָט מיר גאָט געגעבן.

אין פאַרצווייפלונג, פּײַן און טרויער,
האָב איך געשמידט אַ ליד פון גלויבן,
א ליד פון מאָרגן, א ליד פון בויער;
פון שטרויענע דעכער און ווייסע טויבן.

איך האָב ליב מיין שטאַם

מיט מיין מאַמעס ריינע טרערן,
און טאַטנס בעסטע תפילות,
האָב איך היינט אַ בוים פאַרפלאַנצט,
ביי די פענצטער פון מיין פאָלק.

ס׳וועט נאָך בליען דער מענטש, דער אידישער,
מיטן כח פון קרבנות די ריינסטע,
און בלוט פון זיינע זין די בעסטע.

און ביי דיין שוועל, אידיש הויז,
וועט מיין בוים פרוכטן געבן,
מיט ריחות פון גוטער ערד
און גלאַנץ פון אַ זומערדיקן טאָג.

איך האָב ליב מיין שטאַם,
ווי מיין טאַטנס תפילות און מאַמעס טרערן.

די פרייד וואָס אין מיר

עס שטורעמט א ברויזנדע פרייד היינט אין מיר.
זאָל עס זיין, אַז כ׳בין פארליבט אין מיין דאָרן, — מיין שענסטער ציר?
אַז מקנא זענען הימלען מיין געזאנג און מיין טרויער?
אָדער וויל פון לייב פון אידישן ווייב וועט קומען דער גרויסער בויער?

עס שטורעמט א ברויזנדע פרייד היינט אין מיר.
דורותדיקער אַף על פי כן, אָן א מאָס, אָן אַ שיעור.
איך וואַש מיין פנים און ריינע ס׳קלייד
און גיי נאָך דעם אידישן מענטש וואָס וויינט און זייט.

עס שטורעמט אַ ברויזנדע פרייד היינט אין מיר.
כ׳באַצי א נייע פארב אויף אידישער וואנט און טיר.
ס׳האָט גאָט געזאָגט היינט צו מיר:
כ׳בין ווי טויט; פון דיין שטארקער האַנט איך וויל אַ ריר.

עס שטורעמט אַ ברויזנדע פרייד היינט אין מיר;
ס׳איז די גרויסע ליבע אין מיר
צו מיין דאָרן — מיין שענסטער ציר.

אינהאַלט פאַרצייכנונג

1־טער טייל — טאַטע מאַמע און היים

מיין טאטע איז געווען אן איינפאכער איד	זייט	11
מיין מאמע איז געווען צו אייביקייט פארקנסט	”	17
איך זיץ אין אש, און איך זוך	”	22
הארבע זאכן וואָס זענען דערלויבט	”	24
ווי גוט עס איז ליב צו האָבן שטילע, פשוטע זאכן	”	26
די ערשעט בבא קמא	”	28
שבת שעהען	”	29
מיין טאטע און איך	”	30
דריי עפל בוימער	”	33
א גאנדז אויף שבת	”	35
פסח נאָכן סדר	”	36
ביי א טיש מיט ברויט און שקיעה	”	37
דער וואָך אנטקעגן	”	39
נישט מער ווי א חלום	”	41

2־טער טייל — מענטשן און גאַסן

די געשענקטע חלה	”	46
שטילע אָרעמקייט האָט א גלאנץ	”	47
די געשיכטע פון א געסל	”	50
דער לעצטער פראַנט	”	57
חומש און טויבן	”	60
די פרינצעסן שבת	”	61
דער לערער פון לאטיין	”	69

א געטליכער פרינץ	,,	70
ליבשאפט און רחמנות	,,	71
צען טויזנט און אפשר נאך מער	,,	72
און פאסט	,,	73
עקוב הקריאה	,,	74
יאנקל קצב פארט קיין ארץ ישראל	,,	75
א ערב פסח אין א ווייטער שטאט, ווי קיטא	,,	77
אז א שוחטס א זון ווערט א שניידער	,,	81
אידן מאכן ברייטער זייער וועלט	,,	82
זומערדיקע פרימארגנס	,,	83
ס׳ווערט דער צרור החיים גרעסער און גרעסער	,,	84
ס׳וועט מיין שטוב ווי די שול זיין הייליק	,,	85
פראסטע לייט אין שכינה בין מנחה למעריב	,,	86
פישל קצב זוכט א פסוק	,,	87
שעה פון שפאצירביים באן	,,	89
בלוט פון חלוצים	,,	90
ליבשאפט איז צער, ליבשאפט איז טרויער	,,	91
שבועות	,,	92
א מעשה מיט א הייל	,,	94
דער ערשטער העברייער	,,	97
פערציק יאר ביי דער תורה	,,	103

3־טער טייל — בלוט און עקשנות

נישט געווארנט האט קיינער	,,	110
כ׳האב געהערט דעם קינדס נבואה	,,	111
קינדערלעך אין פוילן	,,	113
אויף דיינע ביינער מיינע טרערן	,,	114
לולינקע, לולינקע, אייגעלעך צוויי	,,	115
קינדער אין א קרייז	,,	116
פאר מיין זונעלע א דארן, אנשטאט א ווייסע רויז	,,	119
א אידעלע בויט א שטיבעלע	,,	120
אלע אידעלעך וועלן פרינצן ווערן	,,	122
לעצטע שעה אין געטא	,,	124

דער טויט פון זלמן בעקער	,,	125
זי האָט ליב געהאַט די פּוילישע ערד	,,	128
זי איז דאָך ווילד די אידענע	,,	130
דער לעצטער אוועקגיין	,,	131
אַז איך וועל צוריקקומען	,,	134
די לעצטע תפילה	,,	136
אַ מתנה דער ערד	,,	138
חלומות פון אַ הונגעריקער מאַמע	,,	140
ס'וואָלט מיך אפשר בעסער געוואָרן	,,	142

4־טער טייל — מיר וועלן לעבן, מיר וועלן ל'עבן

איך דאַנק דיר, גאָט	,,	146
כ'וויל אַ טרייסט, הושע	,,	147
כ'האָב אין פּיין געקאָוועט מיין וואָרט	,,	148
איך האָב ליב מיין שטאָם	,,	150
די פרייד וואָס אין מיר	,,	151